ספר

שבחי בעל שם־טוב

עם

ספורי אנשי שם

אין וועלכען ס'ווערען דערצעהלט זעהר פיעל וואונדערליכע מעשיות און נסים פון הקדוש רבי ישראל בעל שם־טוב ממעזביז זכר צדיק לברכה און פון זיינע תלמידים, וואס ווערען דא אלע אויסגערע־כענט (מעבר לדף).

מיר האבען אויך מוסיף געווען מעשיות פון הרב הארי ז"ל ווי אויך אסך וואונדערליכע מעשיות פון אנדערע גרויסע צדיקים זייער זכות זאל אונז בייזשטעהן. אב"ר.

פשעמישל.

פערלאג פון דער בוכהאנדלונג אמקרויט & פריינד אין פשעמישל.

שנת תרפ"ב לפ"ק.

Sefer Szwache Baal Szem-tow.

Wydawnictwo i księgarnia Amkraut i Freund, Przemyśl.

238

שבחי בעל שם טוב

אַוויגְדֶע־לִיבֶּע מַעֲשֶׂה פון בעש"ט ז"ל:

און אַשטאָט איז גיוועֶן דרייַא ברודעֶר צווייַא ברודעֶר האָבּין גיהאַלטין מיט דעֶם בעש"ט און איינעֶר האָט ניט גיהאַלטין מיט אום ווען דעֶר בעש"ט פלעגט קומין און דעֶר שטאָט אַרייַן פלעגט עֶר איינשטייַן בייַא דוא צווייַא ברודעֶר וואָס האָבּין מיט אום ניהאַלטין און פלעגט שטעֶנדיג פרעֶגין וואָס טוט דעֶר דריטעֶר חאָטשי עֶר האָט מיט איהם גיקרוגט אייַנמאָל איז עֶר אָנגיקומין און דעֶר שטאָט אַרייַן און האָט באַלד גיפרעֶגט אויף דעֶם לשון וואָס טוט מייַן מתנגד דעֶר עולם האָט גימיינט אַז מעֶן ווערט אום אַגוטי בשורה זאָגין ווייַל עֶר קרוגט מיט איהם און זאָגין אים עֶר איז שלאַף און ליגט זויא אַשטייַן עֶר קאָן ניט רייַדין זאָגט עֶר איך וועֶל אים גייַן מבקר חולה זייַן און איז גיקומין צוא אים אום פרייַטאָג זאָגט עֶר צוא דוא צווייַא ברודעֶר איז דאָס מעֶגליך אַז איך זאָל דאַווינין אום שבת בייַא דעֶם שלאַפין עֶנפעֶרין זייַא אום ווען עֶר וואָלט ניזונד גיוועֶן וואָלט עֶר בוודאי ניט גילאָזט אייַך דאַווינין בייַא אום אָבעֶר הייַנט אַז עֶר ליגט ווי אַשטייַן ווער ווערט אייַך וועֶרין האָט דעֶר בעש"ט גיהייסין ברעֶנגין אַהין איין ספר תורה און האָט דאָרטין גידאַווינט מנחה און מעריב און שבת און דעֶר פריא האָט עֶר דאָרטין גידאַווינט שחרית און האָט זייער לאַנג גידאַווינט שחרית ביז נאָך האַלבּין טאָג נאָך שחרית איז עֶר אַרוים גיקומין פון דעֶם חדר וואָס עֶר האָט גידאַווינט און הויז אַרייַן אָפּ קיהלין זיך האָט עֶר גיהעֶרט און שטוב איין גיוויין און אַגישריי אַז עֶר איז גוסס האָט עֶר גיזאָגט צוא זייַני לייַט לאָמיר אום מבקר חולה זייַן זעֶנין זייַא גיגאַנגין מיט אים איז דעֶר בעש"ט אַרייַנגיקומין און האָט זיך גיזעֶצט נעֶבּין דעֶם חולה פרעֶגט אום דעֶר בעש"ט האָסטו גילעֶרונט גמרא און דעֶר חולה האָט אום ניט גיעֶנטפעֶרט עֶר האָט אום עֶטלוכי מאָל גיפרעֶגט און עֶר האָט אום נוט גיעֶנטפעֶ־ט האָט דעֶר בעש"ט אויף אום אַגישריי גיטוען וויא האָסטו קיין דרך אֶרץ ניט וויא פיל מאָל איך פרעֶג דיך און דוא עֶנטפעֶרסט מיר ניט האָט דעֶר שלאַפעֶר אום גיעֶנטפעֶרט יאָ איך האָב גילעֶרונט גמרא פרעֶגט אום דעֶר בעש"ט און אַמסכת שטייט אַז איין תנא האָט גיפרעֶגט דעֶם אַנדעֶרין אַז עֶר איז שלאַף גיוועֶן אויב עֶס איז אויף דיר גיליבּט ווייטיג עֶנטפרט עֶר עֶס שטייט און ברכות פרעֶגט אום דעֶר בעש"ט וואָס האָט דעֶר שלאַפעֶר גיעֶנטפעֶרט דעֶם תנא זאָגט עֶר האָט אים גיעֶנטפעֶרט איך וויל ניט דוא ווייטאָג און ניט זייער שכר זאָגט דעֶר בעש"ט צום שלאַפין גיב מיר דייַן האַנד האָט עֶר אום גיגעֶבּין זייַן האַנד

סיפורי אנשי שם

בֶּעֶעֶרַייבּוּנג פון בִּנְיָמִין הַצַּדִיק:

בִּנְיָמִין הצדיק איז גיוועֶן אַנבּאַי פון צדקה, איין מאָל איז גיוועֶן אַגרוֹיבּעֶר הונגעֶר און שבּאָט איז גיקומין איין אָרומי פרוי צו אים בּעֶטין עֶר זאָל זיא אונטעֶר שטוצין, האָט עֶר איר געֶנטפעֶרט אַז און דעֶר צדקה איז קיין גראָשין ניט דאָ אָבּעֶר דיא פרוי האָט אָנגיהויבּין שטאַרק צו וויינין אַז זיא וועֶט מיט זיבּין קינדעֶר שטאַרבּין פון הונגעֶר ווען עֶר וועֶט איר ניט אונטעֶר שטוצין, האָט עֶר אויף איר רחמנות באַקוּמין און האָט זיא אונטעֶר גישטוצט

האַנד האָט אום דער בעש"ט אָהן גינומין ביא דער האַנד אונ האָט אום אויף גיזעצט דער נאָך האָט ער אום גיהייסין אַראָפּ לאָזין דוא פוס פון דעם בעט אַראָפּ האָט ער אַזויא גיטועֶן דער נאָך האָט ער אום גיהייסין אַז ער זאָל זיך בּיסלעכווייז אָנטועֶן אונ זאָל זיך וואַשין האָט ער אַזוי גיטועֶן דער נאָך האָט ער גיהייסין אַז ער זאָל גיין מיט איהם אויף דעם אָרט וויא מען דאַווינט איז ער גיגאַנגין מיט אום אונ האָט גידאַווינט מוסף מיט אום אונ איז בעזה"י גאָר גיזונד גיוואָרין:

נאָך אַווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון בעש"ט ז"ל:

הָרַב ר' מיכל זלאָטשובער מגיד איז אַמאָל גיוועזין ביא דעם בעש"ט פרייטאָג אונ דער פריא זאָגט דער בעש"ט צו אים פאָר אַהיים האָט ער זיך גיטראַכט וויא וועל איך היינט נעמין אום ערב שבת אַפוהר אונ איז גיקומין אונ ביהמ"ד אַריין דאַווינין אונ האָט מעביר גיוועֶן דוא סדרה עס איז גיקומין צוא אָנבייסין דוא אורחים זאָגין עסין האָט דעם בעש"ט ווייב גיפרעגט וויא איז ר' מיכל האָט מען גיזאָגט דער רבי האָט אום גיהייסין אַהיים פאָרין האָט זיא גישיקט אונ ביהמ"ד אַריין אים רופין איז ער גיקומין האָט דער בעש"ט גיזאָגט זעץ דיך עסין זאָלסט תיכף אַהיים פאָרין דוא וועסט האָבין אַפוהר אַהיים וויא ער האָט אָפּ גיגעסין איז ער גיקומין אַרויס האָט ער גיזעהן איינער שטייט מיט אַוואָגין פרעגט אום ר' מיכל פון וואַנין בּיסט דוא זאָגט ער פון אַלוק איך פאָהר אַהיים אונ אַלוק פון מעזבוז איז זובעצין מייל פרעגט אום דער פאָרמאַן וויא וועלין מיר שבת האַלטין זאָגט ר' מיכל וויא עס וועט אוים קומין האָט ער גידונגין דעם פאָרמאַן אונ ער איז גיקומין צום בעש"ט גיזעגונין זיך זאָגט דער בעש"ט צוא אום דוא וועסט קומין אַהיים וועסטו טרעפין דיין ווייב גייט שוועֶר צוא קינד זאָלסטו אַלי ווייבער אַוועק טרייבין אונ זאָלסט איהר איינרוימין אונ איער דאָס וואָס איך הייס דיך וועט זיא האָבין דאָס קינד גיך ר' מיכל איז אַוועק גיפאָרין אונ איז גיקומין אַהיים צווייא שעה פאַר נאַכט אונ עס איז אַזויא גיוועֶן וויא דער בעש"ט האָט גיזאָגט אונ זיא האָט גיהאַט אַזכר דאָס איז גיוועֶן דער הייליגער צדיק ר' יוסף מיאָמפּעֶלע ז"ל:

סיפורי אנשי שם

פון זיין קעשינע וויא פיל זיא האָט גידאַרפט איינמאָל איז בנימין הצדיק קראַנק גיוואָרין אונ ער איז גיוואָרין נאָהונט צום שטאַרבין איז גיקומין דוא אָרומע פרויא אונ האָט אָהן גיהויבין צוא שרייען צוא גאָט, רבונו של עולם דער וואָס איז מקיים איין נפש פון דוא יודין איז גלייך אַזוי וויא מען האַלט אויף דוא גאַנצי וועלט אונ בנימין הצדיק האָט מיך ערנערט מיט מייני זובין קונדער פאַר וואָס זאָל ער שטאַרבין, האָט גאָט דוא תפלה צוא גיהערט אונ בנימין הצדיק איז גיזונד גיוואָרין אונ האָט נאָך גילעבּט צווייא אונ צוואָנציג יאָהר:

הרב הבעש"ט האט אשידוך גיטאָהן מיט החסיד המפורסם ר' וואָלף קיצעס אַ יתום מיט אַ יתומה דיא יתומה איז גיוואַקסין גיוואָרין בײַא דעם בעש"ט אונ דער יתום בײַא ר' וואָלף האָט דער בעש"ט צו גיזאָגט נדן צוויא הונדערט גולדין אונ אַז עס איז גיקומין זמן החתונה קודם החופה זאָגט ר' וואָלף צום בעש"ט ער וועט ניט גײן מיט דעם חתן צום באַרעקונס ביז ער וועט מסלק זײַן דעם נדן וואָס ער האָט צו גיזאָגט איז דעם בעש"ט גיוועזן וויא אײַן גילעכטער אונ זאָגט צו איהם איר גלייבט מיר ניט אויף דיא צוויא הונדערט גולדין האָט ר' וואָלף גיענטפערט אם אין מײַן נאמנות איך וועל ניט משנה זײַן מײַן וואָרט איך דאַרף האַלטין דעם חתן בײַא מיר אונ לערנין מיט איהם מוז מען האָבין געלד וואָרום עס שטייט אם אין קמח אין תורה אונ דעם איז אָנגיקומין צום בעש"ט ר' ליב קאַמינקער האָט איהם דער בעש"ט אַנידער גיזעצט בכבוד אונ איהם מכבד גיוועזן מיט אַגלאָז זײַן אונ ער האָט אַברכה גימאַכט אונ דער נאָך האָט ר' ליב אָנגיהויבין צוא דער ציילין דעם בעש"ט נאָך וואָס ער איז גיקומין באשר דער קאָמיסאַר פון דער שטאָט האָט גישוקט נאָך איהם אונ האָט איהם דער ציילט אונ ווײַזט איהם אײַן בריף פון אײַן אָדון פונעף מײַל פון מעזבוז שרײַבט ער צום קאָמיסאַר אַז דער בעש"ט איז שולדיג טויזענט גולדין וואָס ער האָט בײַא איהם גילויגין אויף פדיון שבוים ער האָט אויף איהם אַ וועקסיל אונ ער זאָל איהם תיכף מסלק זײַן אונ דער קאָמיסאַר האָט איהם גיזאָגט אַז איר וועט ניט באַלד באַצאָלין וועט ער אײַך נעמין אונ קײטין אונ וועט אײַך שוקין צום אָדון וואָס איר זענט אַ בעל חוב ווא דער בעש"ט האָט גיהערט דיא ווערטער האָט ער אַגישרײַא גיטאָהן מען זאָל איהם אײַנשפאַנין זײַן גרויסע פויר אונ האָט גיזאָגט צו ר' ליב באַלד זאָלסט דיא פאָהרין צום אָדון אונ זאָלסט נאַצאָהלין דאָס געלד אונ זאָלסט דיך צו אײַלין אַז דיא זאָלסט קומין אַהער פאַר דעם באַרעקונס אונ האָט ניט גילאָזט ר' ליב'ן אַהיים גײַן נאָר ער זאָל פאָרין איז דאָס בײַא ר' ליב גייוועזן אַחידוש נאָר ער האָט פאָרט גישיקין אונ האָט איהם גיפאָלגט אונ מוטין וועג איז דער ר' ליב גיוועזן אונ אַקרעטשמע מיט אַבעקאַנטין אונ האָט איהם דער ציילט דיא מעשה וואָס ער פאָרט נאָר ער האָט זיך גיאײַלט אוועק צו פאָרין איז דאָס גיוועזן אײַן נפלא בײַא דעם

סיפורי אנשי שם

בעשרייבונג פון הלל הזקן :

הלל איז גיוועזן פון בבל . גיקומין איז ער קײן ירושלים גאַנץ אָרים . אונ דער צײַט זענין גיוועזן דיא ראשי הסנהדרין שמעיה אונ אבטליון זײַא האָבין גימאַכט אַתקנה מען זאָל האַלטין צו גישלאָסין דאָס ביהמ"ד איז גישטאַנין אַ וועכטער בײַא דער טיר אונ האָט קײנעם ניט אַרײַן גילאָזט הלל האָט גימוזט בײַא טאָג אַרבײַטין דיא העלפט האָט ער גיהאַט פאַר זיך צום עסין . דיא צווייטע העלפט האָט ער גיגעבין דעם וועכטער ער זאָל איהם אַרײַן לאָזין אונ דעם ביהמ"ד אײַנמאָל האָט הלל דעם טאָג ניט פאַר דינט האָט דער וועכטער איהם ניט אַרײַנגילאָזט אונ ביהמ"ד איז ער

דעם האָך אונ ה

דעם קרעטשמער אונ איז אוועק געפארין איז ער אנגעקומין צום אדון אז מען האט זיך געזעצט עסין האט ער געווארט ביז דער אדון האט אפ געגעסין אונ איז אריין געקומין צום אדון פרעגט אים דער אדון אויב ער האט געבראכט געלד פון דעם בעש"ט ווארום ער האט געוויסט אז ער איז פון בעש"ט'ס לייט האט אים ר' ליב געענטפערט יא האט ער אים אנודער געזעצט בכבוד אונ דער ר' ליב האט זיך געקלערט אונ הארץ וויא אזוי וועט זיין דער סוף וויא ער טראכט איז אים איינגעפאלין אונ זינען וואס ער זאל רעדין מיט דעם אדון אונ זאגט צו דעם אדון איך דארף מיט דיר עפיס שמועסין שטולערהייט אונ גייט מיט אים אונ אחדר אריין אונ זאגט צוא אים איך וויים דאך וואל אז דוא ביסט אפרומער איין ערלובער מאן אונ דו ווילסט ניט אפרעמדין גראשין אונ היינט וויל איך דיר באצאלין דעם חוב וואס דער בעש"ט האט זיך בייא דיר געחתמת טאמער קומט ניט אזויא פיל פון דוא רונדארעס וואס דער בעש"ט האט זיך בייא דיר געחתמת וועסטו נישטראכילט ווערין ח"ו אין דער עבירה פון גזלה ענטפערט אים דער אדון עס איז זייער גרוים דיין ליבשאפט וויל דו ייילסט מיך באשערימין פון דער שטראף אויף יענער וועלט אונ האט באלד אוים געזוכט די קוויטים פון דוא רונדארס וואס זייא האבין אים געגעבין ראטים האט ער ארייננגענומין דאס וועקסיל פון דעם בעש"ט אונ האט ארויף געווארפין אויף דעם פייער אונ האט געזאגט נאכדעם רעכינונג וואט דער בעש"ט האט אים געגעבין פאר דוא געפאנגינע אונ נאכדעם רעכינונג פון דיא קוויטים ליגט דאס וועקסיל בייא אים אומזוסט עס קומט נאך אים ארוים צווייא הונדערט גולדין אונ האט אים אפ געציילט עלוף רענדליך האט ר' ליב געזאגט על פי חשבון קומט נאך צווייא גולדין האט אים דער אדון נאך מער געדאנקט וויל ער חנפת אים ניט אונ האט אים געגעבין די צווייא גולדין אונ ר' ליב איז צוריק געפארין פאר דיא קרעטשמי איז ער אראפ אונ קרעטשמי אריין אונ האט דער ציילט דוא ווינדער . אונ דער בעש"ט האט געזאגט אונ דער היים זעהט נאר האט דער נאר טוט ער האט זיך געשטעלט אונ קרעטשמי רעדין . וויא ער איז אהיים געקומין צום בעש"ט האט ער געוואלט דער ציילין דיא מעשה האט דער בעש"ט אנגישריי גוטוען איך ווייס וואל גיב נאר דאס געלד לאמיר זעהן דוא ווינדער וואס דין איז געוועזן אונ דער בעש"ט איז געגאנגין צוא דעם באדעקונס אונ איז געוועזן לוסטיג אויף דער חתונה וואס איז ניט צוא באשרייבין :

כיפורי אנשי שם

אונ פענבטער צוא העדין תורה פון שמעיה אונ אבטליון דאס איז געוועזן אונ מוטין ווינטער . אונ עס איז אויף אים אנגעפאלין דרייא אילין שניי . אונ ער איז ש"ין כמעט געלעגין אהן איין נשמה . אונ דער פריא זענין געקומין שמעיה אונ אבטליון האבין זייא געזעהן אז עס איז טונקיל האט איינער געפרעגט דעם אנדערין וואס איז דיא מעשה וואס עס איז טונקעלער האבין זייא גוט אהן געקוקט אין האבין דער זעהן אמענטשין געזוכט האבין זייא געשוקט מענטשין מען האט פון אים אפ גערוימט דעם שנייא האט מען געפונין דעם הלל לוגין האלב טויט מען האט אים אריין געברענגט אונ ביהמ"ד האט ער זיך אהן געווארעמט אונ איז צוא זיך געקומין :

דָ״ה הָערְט דֶערְצֵיילְט דָאס גֶעבָארֶען װֶערֶען פוּן הַקָדוֹשׁ ר׳ יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִין דֶער מדִינה װאָלחַײַא האָט גֶעװאָהנט אֵײן רב ר׳ אֶלִיעֶזר זֶענִין גֶעקוּממִין טאָטעֶרעֶן אוּנ הָאבֶּען אִים גֶעפַאנגֶען אוּנ זַײן װײַבּ אִיז אַנטלאָפִין גֶעװאָרֶען. הָאבֶּען זֵײא אִיהם אַװעֶק גֶעפִיהרט אוּנ אֵײן װײַט לַאנד װאוּ קֵײן יוּדִין גֶעפִינעֶן זִיך נִיט. אוּנ הָאבֶּען אִיהם פַאר קוֹיפט צוּא אֵײן אָדוֹן הָאט עֶר נוֹשא חן גִיװעֶן בַּיַא דעֶם אָדוֹן בּעֶװײַל עֶר הָאט אִיהם געֶטרַײַא געֶדִינט. דעֶר אָדוֹן הָאט אִיהם גִימַאכט גִיװעֶלטִיגעֶן אִיבּעֶר זַײן גַאנץ פַּאר מעֶגעֶן. הָאט דעֶר רב געֶבּעֶטעֶן דעֶם אָדוֹן עֶר זָאלל אִיהם לָאזעֶן רוּעֶן אוּם שַׁבּת הָאט עֶר אִיהם צוּא לִיבּ געֶטוּהעֶן. אֵײנמָאהל הָאט דעֶר רב געֶװאָלט אַנטלוֹיפעֶן אִיז מעֶן אִיהם געֶקוּממעֶן צוּא חלום אַז עֶר בּעֶדַארף נאָך זַײן אֵײן צַײט אִין דעֶם לַאנד עֶס הָאט זִיך געֶטרָאפעֶן אַז דעֶר אָדוֹן הָאט געֶדַארפט הָאבֶּען אֵײן טוֹבה פוּן דעֶם ראַהט-געֶבּעֶר װאָס עֶר אִיז בַּיַא דעֶם שני למלך (דִיא צװײטעֶ האַנד פוּן קעֶנִיג) הָאט דעֶר אָדוֹן גִיגעֶבּעֶן דעֶם רב פַאר אֵײן געֶשאַנק צוּא דעֶם ראַהט-געֶבּעֶר אוּנ הָאט אִיהם געֶזאָגט אַז עֶר אִיז זעֶהר אַ טהַײעֶרעֶר מאַן. דעֶר רב הָאט בַּיַא דעֶם ראַהט-געֶבּעֶר נוֹשא חן גִיװעֶן עֶר הָאט אִיהם אָפּ גִיגעֶבּעֶן אֵײן בּאַזוּנדעֶר צִיממעֶר צוּא װאָהנעֶן אוּנ הָאט אִיהם נִיט גִיגעֶבּעֶן קֵײן שוּם אַרבּײַט. נאָר אַז דעֶר ראַהט-געֶבּעֶר פלעֶגט קוּממעֶן פוּן דעֶם קעֶנִיג פלעֶגט דעֶר רב אִיהם אַקעֶגִין טראָגעֶן אַבּעֶקִין װאַסעֶר אָפּ צוּ װאַשִין דִיא פִים אַזוֹי װִיא דעֶר שטײגעֶר אִיז פוּן אַללעֶ גרוֹיסעֶ דוּכסִים. אוּנ דעֶר רב הָאט צַײט גִיהַאט צוּא דִינעֶן גאָט. אַ מאָהל הָאט דעֶר קעֶנִיג בּאַדאַרפט צוּא גֵײן אוֹיף אַ גרוֹיסעֶן שלאַכט הָאט עֶר גִישִׁיקט נאָך דעֶם ראַהט-געֶבּעֶר עֶר זאָל אִיהם ראָהטעֶן בּעֶװײַל מעֶן הָאט בּעֶדאַרפט אַװוּנדעֶרבַּארעֶ קלוּגהײַט צוּא דעֶר שלאַכט הָאט דעֶר ראַהט-געֶבּעֶר נִיט געֶװוּסט װאָס צוּא עֶנטפעֶרִין אִיז דעֶר קעֶנִיג בַּײז געֶװאָהרעֶן אוֹיף אִיהם דעֶר ראַהט-געֶבּעֶר אִיז אַהײם גִיגאַנגִין מִיט גרוֹיס צאָרעֶן אִיז דעֶר רב אִיהם אַקעֶגעֶן גִיגאַנגִין מִיט דעֶם בּעֶקִין װאַסעֶר הָאט עֶר זִיך נִיט געֶװאָלט װאַשִין פרעֶגט אִיהם דעֶר רב װאָס בִּיסט דִיא אַזוֹי טרוֹיעֶרִיג אָבּעֶר דעֶר ראַהט-געֶבּעֶר עֶנטפעֶרט אִיהם נִיט הָאט אִיהם דעֶר רב נאָך אַמאָהל גִיפרעֶגט הָאט עֶר אִיהם דעֶר צײלט דִיא

גאַנצעֶ

סיפורי אנשי שם

עֶם אִיז גִיװעֶזִין אַ תנא עֶר הָאט גִיהײסִין בּנימִין הצדִיק עֶר אִיז גִיװעֶזִין אֵײן גבּאי צדקה אַ מאָהל קוּמט אֵײן פרוֹי צוּא אִיהם אוּנ זאָגט אִיךְ הָאבּ גרוֹיס הִינגעֶר. שפַּײז מִיךְ. זאָגט דעֶר תנא אִיךְ שװעֶר דִיר אַז אַצוּנד אִיז קֵײן געֶלד נִיט דאָ זאָגט דִיא פרוֹי לִיבּעֶר רבּי אַז דִיא װעֶסט מִיר נִיט געֶבִּין מוּז אִיךְ מִיט מַײנעֶ זִיבּעֶן קִינדעֶר שטאַרבִּין פַאר הִינגעֶר. אַזוֹי הָאט עֶר גִינוּמעֶן פוּן זַײן געֶלד אוּנ הָאט אִיר גִיגעֶבִּין. דעֶר נאָך אִיז דעֶר תנא קראַנק גִיװאָרִין. אַזוֹי הָאבֶּען געֶזאָגט דִיא מלאָכִים צוּם אײבּעֶרשטִין רבש״ע דִיא הָאסט אוּנ דַײן תּוֹרה אָהן גִישרִיבּעֶן װעֶר עֶס בּאַשעֶרִימט אֵײנעֶם פוּן טוֹיט אִיז גלײַך עֶר הָאט דִיא

גאַנצעֶ

גאַנצע געשיכטע, זאָגט דער רב איך וויל גאָט בעטין וועט ער מיר ענטפערין וואָס צו טוהן. האָט מען דעם רב צוא וויסין געטוהן פון הימעל האָט ער דער ציילט דעם ראַהט-געבער איז דער ראַהט-געבער גיגאַנגען צום קעניג מיט גרויס פרייד און האָט איהם גיזאָגט וויא אַזוי ער זאָל פירען דעם שלאַכט, איז דער קעניג זייער פריילין גיוואָרין נאָר ער האָט גיזאָגט דאָס איז ניט קיין מענטשליכער פערשטאַנד נאָר דיא מוז זיין איין צויבערער האָט דער ראַהט-געבער דער ציילט דעם קעניג אַז דער גיקויפטער קנעכט האָט איהם דיזעם גיראָהטין איז דער רב געעהרט גיוואָרין ביא דעם קעניג און ער האָט איהם גימאַכט פאַר איין עלצטין. איין מאָהל האָט דער קעניג געפיהרט אַ שלאַכט איף דעם ים איז ער גיקומען צוא אַ פעסטונג האָט דער קעניג גיזאָגט עס איז שוין יעצט שפעט. צוא מאָרגינס וועלין מיר דאָס לאַנד איין נעמין און דער רב איז אויך גיוועזן און דער שלאַכט האָט מען דעם רב צוא וויסען געטוהען פון הימעל אַז דאָס פעסטונג איז שווער איין צוא נעמין. און דער פריא האָט ער גיזאָגט דעם קעניג מען זאָל שיקען אַ שיפעל מיט מענטשען וואָס זענין בעשילדיגט גיוואָרין מיט טויט-שטראָף האָט מען אַזוי גיטוהן. וויא דאָס שיפעל איז גיקומין ניט וויט פון דעם פעסטונג איז עס צו שלאָגין גיוואָרין. וויא דער קעניג האָט דאָס גיזעהן האָט ער גיפרעגט וויא אַזוי דען זאָל איך טוהן האָט דער רב אים גיזאָגט. און האָט איין גינומין דאָס פעסטונג. וויא דער קעניג האָט גיזעהן אַז דער רב איז איין געטליכער מאַן איז ער נאָך מעהר געערט גיוואָרין. נאָך דעם איז דער שני למלך גישטאָרבין האָט דער קעניג גימאַכט דעם רב ר׳ אליעזר פאַר איין שני למלך און האָט אים גיגעבין דיא טאָכטער פון דעם שני למלך פאַר איין פרויא. אָבער דער רב האָט זיא אַפילו ניט אָהן גירורט. אַמאָל איז ער גיזעסין מיט זיין פרויא ביא דעם טיש האָט זיא אים גיפרעגט איבער וואָס ביסט דיא פון מיר אַזוי פין ווייטינס האָט ער איר גיענפערט שווער מיר אַז דיא וועסט פאַר קיינים ניט דערצעהלין וועל איך דיר זאָגין דיא וואָרהייט. האָט זיא גישוואָרין האָט ער איר דער ציילט אַז ער איז איין יוד האָט זיא אים אַוועק גישיקט שטילערהייט און האָט אים מיט גיגעבין פיל געלד נאָר און מיטין וועג האָט מען אים בערויבט נאָך דעם איז געקומין אליהו ז״ל און האָט

סיפורי אנשי שם

גאַנצע וועלט ביים לעבין דער האַלטין און בנימין הצדיק האָט דיא פרוי מיט אירע זיבען קינדער ביים לעבען דער האַלטען וואָרין זאָל ער אַזוי יונג שטאַרבין. אַזויא באַלד איז בנימין הצדיק ווידער געזונד געוואָרין און האָט נאָך גילעבט צוויא און צוואַנציג יאָהר און האָט פיל גוטס גיטוהען:

איינמאָל זענין גיגאַנגען דיא אַרבייטער פון רב נחמן אין פעלד אַריין גראָבין אַזוי האָבין זייא גיהערט וויא אַמענש ריפט פון דער ערד. אַזוי זענין זייא גיגאַנגען צוא זייער העער רב נחמן און האָבין איהם גיזאָגט אַז אַמענש ריפט אויס דער ערד. אַזוי איז רב נחמן אַהין גיגאַנגען זעהן וואָס דאָס בעטייט. וויא ער איז אַהין גיקומין אַזוי האָט ער גיפרעגט דעם טויטען מענש ווער ביסטו וואָס דיא טוסט ריפען אויס דיא ערד אַזוי האָט דער מענש גיענטפערט איך בין

האָט איהם גיזאָגט אונ דעם זכות וועסטו
האָבּין איין זוהן וואָס ער וועט לייכטין
אויף דער וועלט. דער ר״ב מיט זיין
פרויא זענין דאַמאָלס אַלט גיוועזן צוא
הונדערט יאָהר דער רב איז באַלד
גיקומין צוא זיין ווייב אונ זיא האָט צוא
מזל גיהאַט איין זוהן אונ דער זוהן איז
גיוועזן הרב הקדוש ר׳ ישראל בעל
שם טוב זי״ע:

אַז דער רב ר׳ אֶליעזר דער פאָטער
פון דעם בעש״ט איז אָפּ געשטאָרבּין
האָט ער פאַר דעם טויט גינומען זיין
זוהן אייף דער האַנד אונ האָט גיזאָגט
צוא איהם האָטש איך בין דיך ניט זוכה
צו דערציהען אָבער דיא זאָלסט גידענקין
אַז גאָט וועט זיין מיט דיר דיא זאָלסט
דיך פאַר קיין שום זאַך ניט שרעקין.
הרב איז אָפּ גישטאָרבּען האָבּען דיא
שטאָט לייט איהם געדינגען אַ מלמד צוא
לערנין מיט איהם נאָר ער פלעגט
אַנטלויפען אונ וואַלד אַריין האָט שוין
אויף איהם קיינער ניט אַכטונג גיגעבּין
דער נאָך איז ער גיוואָרין איין בעלפער
אונ פלעגט פיהרען דיא קינדער אונ
שוהל אַריין מיט גרויס גיזאַנג אונ
פלעגט מיט דיא קינדער זאָגין אָמן יהא
שמיה רבא מיט גיזאַנג דאָס קול פלעגט
גיין ביז אינטערין הימעל אונ גאָט
ב״ה האָט דערפין פיל פערגניגין גיהאַט
האָט דער שטן אויף גישטעלט איין
צויבּערער ער זאָל איהם שטערען פון
גאָט׳ס דינסט האָט ער זיך פאַר שטעלט
פאַר איין ווילדע־טהיר וואָס הייסט
וואָלקולאַק אונ בשעת ער פלעגט גיין
מיט דיא קינדער אונ שוהל אַריין
פלעגט דער וואָלקולאַק איבער שרעקין
דיא קינדער ביז אַ טייל קינדער זענין
קראַנק גיוואָרען פאַר שרעק האָבּען דיא
עלטערין ניט גילאָזט גיין דיא קינדער
אונ שוהל אַריין האָט ער זיך דערמאַנט
אַז זיין פאָטער האָט איהם אָהן גיזאָגט
אַז ער זאָל זיך פאַר קיינים ניט שרעקין
איז ער גיגאַנגין צו דיא קינדער׳ס
עלטערין אונ האָט זייא איין גירעט אַז
זייא זאָלען זיך ניט פאָרכטין האָבּין זייא
איהם גיגעבּין דיא קינדער אונ זיינע
הענד. ווייא ער האָט געפיהרט דיא קינדער
איז אָהן געקומען דער וואָלקולאַק האָט
ער גינומען זיין שטעקין אונ האָט איהם
מיט

סיפורי אנשי שם

בּין ר׳ אחאָ בן יאשיה ער איז גיוועזין
אַגרויסער למדן. זאָגט רב נחמן צוא
איהם מיך ווינדערט דאָס דיא קענסט
נאָך רעדין אוים דיא ערד. עס שטייט
דאָך אונ פסוק אַז דיא צדיקים מיזען
[illegible] צוא ערד ווערין. זאָגט ר׳ אַחא
עס שטייט גישריבּען אַז דיא לייט וואָס
האָבּען קנאה ושנאה ווערין ווידער צוא
ערד אָבער איך האָב אַלע מיינע טעג
קיין קנאה ושנאה ניט געהאַט דרום בּין
איך ניט פאַר פוילט געוואָרין. אַזוי איז
ר׳ נחמן צוא איהם צוא גיגאַנגין אַזוי
האָט ער גיזעהן ווייא ר׳ אַחאָ איז פריש
ווייא אַ לעבּעדיגער אַזוי האָט ער גיזאָגט
צוא איהם אַז דיא ביסט יוא אַזוי פריש
ווייא אַלעבּידיגער מענטש אַזוי קים מיט
מיר אַהיים נאָך וואָס ליגסטו אונ דער
פינצטערע ערד. אַזוי זאָגט רב אַחאָ
צוא איהם עס שיינט מיר דאָס דיא פאַר
שטייכט ניט דעם פסוק דען עס שטייט
געשריבּען ווען תחיית המתים וועט זיין
וועט הקב״ה רשות געבּען אַללע טויטע
אוים דעם קבר אַרויס צוא גיין אָבּער
יעצט האָב איך קיין רשות ניט דרום
קאָן איך מיט דיר ניט אַהיים גיין. פון
דער געשיבטע קאָן מען אַרויס זעהען
וואָס

טויט געשלאגן און דער פריא האט מען געפינען דעם צויבערער ליגען טויט דער נאך איז ער געווארין איין שומר און ביהמ"ד און ער פלעגט זיך אויפפיהרין אז און דער צייט וואס יעדער האט געלערנט פלעגט ער שלאפען און אז יעדער פלעגט שלאפין פלעגט ער לערנין. יעדער האט געמיינט אז ער שלאפט אליין:

דיזע מעשה האט דערציילט הרב הקדוש רבינו שמשון הרב דק"ק רשקיב.

עס איז געוועזן זיין בעש"ט ער האט געהייסין ר' אדם ער האט געפינין אין איין הייל כתבים פון סודות התורה ער איז געוועזן א שרעקליכער ארימאן. און האט געוואהנט און איין שטיבול ער מיט זיין פרוי זענין געגאנגין צוריסינע קליידער פער גרוים ארימקייט אמאל האט זיין פרוי צוא אים געזאגט אין וואס וועל איך גיין און שוהל א ריין האט ער געזאגט זאלסט גיין און קאמער אריין וועסט די דיר נעמין וואס פאר אקלייד דיא ווילסט נאר אז דיא וועסט א היים קומין זאלסט דיא צוא ריק לייגין האט זיא אזוי געטאהן יעדער טאג פלעגט זיא גיין און שוהל אריין און איין אנדער קלייד איז יעדערין א וואנדער געוועזן וויא קומט צו איין ארימאן אזעלכע טהייערע קליידער האט מען געפרעגט זיין ווייב האט זיא אים געזאגט דעם סוד. דיא זאך איז אהן געקומין צום קעניג האט ער דיא זאך אויסגעפארשט האט ער געזעהן אז דאס איז וואהר. איז ר' אדם זייער גרוים געווארין. און פין דעסט וועגין איז ער פארט געוועזן איין ארימאן. ביא דעם קעניג איז געוועזן איין אדון ער האט פיינט געהאט יודין האט אים פאר דראסין איין יוד זאל אזוי גרוים זיין. דער וויל האט ר' אדם געזאגט צום קעניג איך וויל פאר דיר מאכען איין מאהל-צייט. איז דער אדון נאך מער צארינדיג געווארין. אבער דער קעניג האט געזאגט ער וועט גיין אויף דעם מאהל-צייט וויא עס איז געקומען דיא בעשטימטע צייט איז דער קעניג געפארין מיט אלע גרויסע מיניסטארין אויף דעם מאהל-צייט. און דעם יודין פיינט האט ער אויך מיט גענומין. ער האט אליין אהן גערעט דעם קעניג אז ער זאל זיך אום קערין און האט געזאגט וועסט זעהן אז מיר וועלין פערשעמט ווערין ווייא קאן דאס זיין אזוי איין ארימאן זאל מאכין א מאהל-צייט פאר אקעניג מיט אלע

סיפורי אנשי שם

וואס פאר א גרויסע זאך דאס איז ווער עס האט ניט קיין קנאה ושנאה אויף זיין חבר דער ווערט ניט פאר פוילט און קבר און בלייבט אזוי פריש וויא איין לעבידיגער מענטש:

צוויא מענטשען זיינען געגאנגען צוא זאמען, איינער איז געוועזין א גרויסער בעל קנאה (וואס ער פאר גינט ניט יענעם וואס ער האט). דער אנדערער איז געוועזין אגרויסער חומד (דאס ער גלוסט צוא אלעם וואס יענער האט) איינמאהל האבין זייא באגעגינט דעם קעניג זאגט דער קעניג צוא דיא צווייא איינער פון אייך זאל פין מיר פאדערין

אלע מיניסטארין אבער דער קעניג האט איהם ניט געוואלט פאלגין:

וויא עס איז גיקומין נאהנט פון דער שטאט האט דער קעניג ארויין גישוקט שלוחים צו זעהן אויב עס איז דא צימערין פון זיינט וועגין און פון זיינע לייט וועגין. און אויב מען ריכט זיך אויף אים. דיא שלוחים קומין צוריק און זאגין מען זעהט ניט קיין צימער ניט קיין מאהל-צייט עס איז מער ניט דא נאר א קליין שטיבעל אבער דער קעניג פארט פארט ער טראכט זיך געווים וועט ער ווייזין גרויסע וואונדער. דיא געשיכטע איז אזוי גיוועזן און איין לאנד האט א קעניג גימאכט א מאהל-צייט פאר דעם אנדערין קעניג און האט גיבויט פאלאצין צוויא יאהר. און האט אהן גיגרייט פערשידינע טהייערע עסינ'ס און קארדענצין זילבערנע און גילדענע און בעדינער'ס. וויא עס איז גיקומען דיא צייט וואס ר' אדם האט אפ גישטעלט מיטען קעניג זענין אוים גיריכין גיווארין דיא פאלאצין מיט די בעדינער'ס מיט דיא קארדענצין און זענין געקומין צוא ר' אדם וויא דער קעניג איז געקומין און שטאט ארויין האט ער גיטראפין א גרויסין פאלאץ מיט אלערליי פערגניגין און איז ארויין גיפארען און דעם שלאס האבין דיא קנעכט זייא צוא גענומין און בעדינט מיט גרוים עהרע. ר' אדם בעש"ט איז ארוים גיגאנגען און האט גיזאגט עסט און טרינקט נאר קיינער זאל ניט רירען קיין שום זאך. דער נאך האט ר' אדם גיזאגט לאז איטליכער ארויין טוען זיין האנד און דער קעשענע ארויין וועט ער ארוים נעמין וואס זיין הארץ פערלאנגט האט דער קעניג אזוי גיטוהען און האט ארוים גינומען וואס ער האט פערלאנגט און אלע גרייסע מיניסטארין האבין אזוי גיטוהען און האבען ארוים גינומען וואס זייא האבין גיוואלט וויא דער יודין-פיינד האט ארויין גיטוהן זיין האנד און קעשינע ארויין אזוי האט ער ארוים גינומין צואה וועלבים האט זייער געשטינקען. האט מען אים ארוים גיווארפען. האט ער גיבעטין דיא גרויסע מיניסטארין זייא זאלען בעטען דעם בעש"ט אז דיא האנד זאל ניט שטינקען האט ר' אדם גיענטפערט לאז ער אויף זיך נעמין ער זאל קיין יודין-פיינד ניט זיין וועט דיא האנד ניט שטינקען האט ער אויף זיך גינומין האט ר' אדם גיהייסען איין יוד זאל משתין זיין אויף זיין האנד אזויא האט זיא אויף גיהערט צוא שטינקען. איידער זייא זענין אוועק גיגאנגין האט דער קעניג בעדאלטין צוויא גילדינע בעכער'ס. דער נאך איז אהן געקומין אויף צייטונג א ניקעניג

סיפורי אנשי שם

פארערין וואס ער פאר לאנגט וועל איך אים געבען. דערקעגין וועל איך דעם אנדערין טאפיל געבין. דער בעל קנאה האט זיך גיפארכטין צוא פארערין דען ער האט ניט פארגינין דאס יענער זאל טאפעל האבען. דער חומר האט אויך זיך גיפארכטין צו פארערין דען ער וואלט גערין זיין חבר'ס געלד אויך צוא גענומין וואס ער וועט באקומין פון דעם קעניג. זאגט דער הומר אדוני מלך איך פאדער דיא זאלסט מיר איין אויג אוים שטעכין און מיין חבר ביידע אויגען. פון דער געשיכטע קאן מען זעהן וויא גרוים עס איז דיא עבירה פון קנאה ושנאה דען ווען ער וואלט גיוועזן גיפאדערט טויזינט גילדען וואלט זיין חבר צוויא טויזינט גילדען בעקומין. אזוי האט ער ליבער גיוואלט איין אויג פאר לירען כדי זיין חבר

א קעניג האָט גימאַכט א מאָהל=צייט פאַר דעם אַנדערן קעניג. אונ האָט צוויא יאָהר דורך אַנאַנד גיבויעט א פּאַליץ מיט ווינדערבאַרע זאַכן. פּליצלינג איז דער פּאַליץ אויסגעריסן גיוואָרען מיט דעם גאַנצען מאָהל=צייט אונ אין עטליכע טעג איז דער פּאַליץ צוריק גיקומין מיט אַלימין נאָר צוויא בּעכער׳ס פעלין. האָט דער קעניג גישריבּען בייא מיר איז דאָ איין יוד וואָס ער האָט דאָס אַלס גיטוהן זיין צייכן דערויף איז דאָס דיא צוויא בּעכער׳ס זענין בייא מיר:

ר׳ אָדָם בּעש״ט האָט גיהאַט איין זוהן האָט ער אים צוואָה גילאָזט פאַר זיין טויט זאָלסט ווינסען איך לאָז דיר איבּער זייער טייערע כתבים דיא ביסט ניט ווערט צוא זייא. דריבּער זאָלסט דיא נאָך פרעגין נאָך דער שטאָט אַקופּ דאָרטין וועסט דיא געפינען איינים ישראל וואָס ער איז אַלט פערציג יאָהר אים זאָלסט דיא איבּערגעבּין דיא כתבים אונ אויב דיא וועסט ווערט זיין וועט ער לערנין מיט דיר. נאָך דער פּטירה פון ר׳ אָדם איז דער זוהן גיפאָהרין צוא דער שטאָט אַקופּ אונ איז איין גישטאַנין בייא דעם פּרנס הודש האָט אים דער פּרנס הודש גיפרעגט וואָס טוט איר דאָ זאָגט ער מיין פאָטער האָט מיר אָנגיזאָגט פאַר זיין טויט איך זאָל נעמין א פּרויא פון דינער שטאָט האָט מען אים אָהן גיהויבּען צו רעדין גענומין זעהר א רייכע פרוי. נאָך דער חתונה האָט ער אָהן גיהויבּען צוא זוכין דעם ישראל. אַמאָהל האָט ער גיזעהען דעם שומר פון דעם בית המדרש האָט ער אָהן גיהויבּין צו קוקין אויף אים מיט גרויס פערשטאַנד האָט זיך אים גידאַכט אַז דאָס איז ישראל האָט ער גיבּעטין זיין שווער ער זאָל איהם מאַכין איין אָבּגעזונדערט אָרט אין בית המדרש ער זאָל בּעזונדער לערנין האָט דער שווער אַזוי גיטוהן אונ האָט גידינגען דעם ישראל אַז ער זאָל זיין איידים בּעדינען וויא דער זוהן פון ר׳ אָדם איז אַנטשלאָפין גיוואָרין איז ר׳ ישראל אויף גישטאַנען אונ האָט גילערינט אונ גידאַוינט וויא זיין שטייגער פלעגט צו זיין. ווען ר׳ ישראל איז אַנטשלאָפין גיוואָרין האָט ר׳ אָדם׳ס זוהן גענומען א קונטרס פון זיינע כתבים אונ האָט אַנידער גילייגט נעבּען ר׳ ישראל׳ן אונ וויא ר׳ ישראל איז אויף גישטאַנין אונ האָט דער זעהן דעם קונטרס איז ער דער צוטערט גיוואָרין אונ האָט אים בּעהאַלטען דעם אַנדערין טאָג האָט ער ווידער אַנטער גיוואָרפין איין קונטרס האָט ער אים ווידער בּעהאַלטין האָט ער שוין געוויסט אַז דאָס איז דער ישראל וואָס זיין פאָטער האָט אים גיזאָגט האָט ער צוא גירופין ר׳ ישראל׳ין אונ האָט

סיפורי אנשי שם

חבר זאָל בּיידע אויגין פאַר ליהרען:

שלמה המלך האָט גיהאַט צוויא שרייבּער׳ס זייא זענין זייער שיינע מענטשין גיוועזען איינער האָט גיהייסען אֱליחורף אונ דער אַנדער־ער האָט גיהייסין אַחיה איינמאָהל זעהט שלמה המלך דאָס דער מלאך המות איז טרויעריג פרעגט ער אים וואָס בּעמייט דאָס וואָס דיא בּיסט אַזוי טרויעריג. ענטפערט דער מלאך המות מען פאַר=לאַנגט פון מיר דאָס איך זאָל דיא צוויא שיינע מענטשין דיא נשמה צוא נעמין. וויא שלמה המלך האָט דאָס גיהערט אַזוי נעמט ער דיא צוויא שיינע מענטשין אונ גיט זייא דיא שדים זייא זאָלין

האט אים גיזאגט זאלסט וויסען אז מיין פאטער האט מיר איבער גילאזט כתבים אז איך זאל דיר איבערגעבין נאר באופן אז דיא זאלסט מיט מיר לערנין האט ר׳ ישראל גיענטפערט יא נאר קיינער זאל ניט וויסען נאר איך זאל דיך בעדיהנען וויא פריער. דער נאך האט ר׳ אדם׳ס זוהן גיבעטין זיין שווער ער זאל אים מאכען אצימער אויסער דער שטאט כדי ער זאל זיין אפ גישייד פון מענטשין האט ער אזוי גיטוען וויא דיא שטאט האט דער זעהן אז ר׳ אדם׳ס זוהן איז מקרב דעם ר׳ ישראל האבין זייא גיזאגט דאס איז אגרויסער זכות וואס ר׳ אדם׳ס זוהן איז אהער גיקומין האבין זייא גיגעבין צו ר׳ ישראל אוויב אבער זיא איז גיך גישטארבען זענין זייא גיזעסין אויסער דער שטאט אונ האבין גילערנט תורה:

אמאל האט ר׳ אדם׳ס זוהן גיבעטין דעם ר׳ ישראל אז ער זאל אראפ ברענגין דעם שר התורה ער זאל מיט זייא לערנין האט ר׳ ישראל ניט גיוואלט. ער האט גיזאגט עס איז א געפאהר כאמער וועלין מיר זיך טועה זיין אונ זיין כוונה דער נאך האט ער אים זייער גיבעטין האבען זייא גיפאסט פון שבת צוא שבת אונ האבען זיך גירייניגט אונ שבת צוא נאכט האבין זייא מכוון גיוועזען האט דער ר׳ ישראל א גישרייא גיטוען אזוי ווייא מיר האבין זיך טועה גיוועזען דער שר של אש קומט אראפ ער וועט פאר ברענין דיא שטאט לויף גיך אז דיא שטאט לייט זאלין זיך אויס רוימען. איז ער גילאפען אונ האט זייא גיזאגט איז ער גיווארין אונ שטאט איין גרויסער מאן ווארים ווען ניט ער וואלטין זייא ניט גיוועזען ארויס גיראטעווייט אפילו אקליינע זאך אונ אין אצייט ארים האט ר׳ אדם׳ס זוהן ווידער גיבעטין דעם ר׳ ישראל ער זאל אראפ ברענגין דעם שר של תורה אזוי לאנג ביז ער האט ווידער גיטאהן כוונות האט דער בעש״ט גיזאגט זאלסט וויסין אז עס איז נגזר גיווארען מיר זאלין שטארבין נאר אז מיר וועלין אגאנצע נאכט ניט שלאפין וועלין מיר בלייבין לעבין האבען זייא אזוי גיטאהן נאהנט צו טאג איז ר׳ אדם׳ס זוהן אנטשלאפין גיווארין אונ איז באלד גישטארבין איז דער בעש״ט גילאפין אונ האט גישריגען ר׳ אדם׳ס זוהן חאלושט מען האט אים אבער גיט גיקאנט דער מינטערין:

דער נאך איז דער בעש״ט פון דארטין אוועק גיפאהרין אונ איז גיקומען געבען בראד אונ איז דארטין גיווארען א מלמד אונ איז זייער חשיב געווארען פלעגט מען זיך פאר אים לאדין אונ קיינער איז ניט בייז גיוועזין אפילו דער וואס ער האט אים פארשולדיגט בעוייל מיט זיין קלוגהייט האט ער אים צוא פאר שטיין גיגעבין:

אונ בראד איז גיוועזין דער רבי ר׳ גרשון קיטווער א ראש ב״ד אונ זיין פאטער דער רבי ר׳ אברהם האט זיך גילאדין מיט איין מענטשין וויא

סיפורי אנשי שם

זאלין זייא אוועק פירין אונ דער שטאט לוז דען דארט איז קיינער ניט גישטארבין בעוייל דער מלאך המות האט דארט ניט גיטארט אהין קומען. וויא דיא צוויא שיינע לייט זענין גיקומין פאר דעם ארט. אזוי איז דער מלאך המות זייא אקעגין גיקומין אונ זיי זענין גישטארבין. דעם אנדערין טאג זעהט שלמה המלך דעם מלאך המות זייער ליסטיג. פרעגט ער אים וואס ביסט דיא היינט אזוי ליסטיג אזוי

זויא דער בעש"ט איז געווען האָט ער גירעט מיט דעם בעל דין וועגן אַדין תורה זאָגט ער צוא אים דאָ איז פאַר האַנדין אַמלמד וואָס ער קאָן גיט לערנין וועלין מיר זיך בייא אים לאָדין. אונ אַז ער וועט אייך ניט גיפעלין וועלין מיר פאָהרין קיין בראָד. זענין זייא גיגאַנגין צום אים. וויא זייא זענין גיקומין האָט דער בעש"ט גיזעהן ברוח הקודש אַז זיין טאָכטער דאַרף זיין זיין ווייב האָט דער בעש"ט פאַר אים אַשאַרפען פשט גיזאָגט אין רמב"ם איז אים זייער גיפעלין נאָכדעם האָבען זייא זיך גילאָדין פאַר אים. איז אים אויך זייער גיפעלין אונ האָט אים שטאַרק ליב גיהאַט. דער נאָך איז ער גיוואָהר גיוואָרין אַז דער בעש"ט איז איין אַלמן אונ דער רבי ר' אברהם האָט גיהאַט אַטאָכטער אַ גרושה איז ער גיקומין צו אים אונ זאָגט מאָמער וועט איר נעמען מיין טאָכטער ענטפערט אים דער בעש"ט עס איז רעכט נאָר אַז קיינער זאָל ניט וויסען וואָרים פיהל נגידים ווילען מיט מיר טוהען אונ זייא האָבען מיר גוט'ס גיטוהען דרים קאָן איך ניט עפינטליך איין אַנדערין שידוך טוהען לאָמיר שרייבען תנאים פערבאָרגין נאָר אויף דעם פאַל דאָס איר זאָלט אויף מיר מער ניט שרייבען אין דיא תנאים נאָר מיין נאָמען ישראל בן אַליעזר ניט קיין שום גרויסען טיטעל האָט ער אים אַזוי גיפאָלגט אונ האָבען פערבאָרגין תנאים גישריבען דער רבי ר' אברהם איז אַוועק גיפאָרען אונ איז שלאַף גיוואָרין אין וועג אונ איז גישטאָרבין האָט מען צוא וויסען געטאָהן צוא זיין זוהן ר' גרשון איז ער גיקומין אים בעקלאָגין אונ האָט גיפונען צווישען דיא כתבים פון זיין פאָטער דיא תנאים איז אים דער ווידער גיווען אַז ער זאָל אַזוי אַשידוך טוען מיט אַזעלכין וואָס קאָן ניט לערנין אויך ער ווייסט ניט פון וואָס פאַר איין פאַמיליע ער איז האָט ער דער ציילט זיין שוועסטער האָט זיא גיזאָגט וואָס אונזער פאָטער האָט גיטאָהן איז זיכער רעכט. אונ אַ צייט אַרום האָט דער בעש"ט גיזאָגט צוא דיא בעלי בתים איך דאַרף אַוועק פאָרין האָבין דיא בעלי בתים אים גיבעטין ער זאָל וויַטער לערנין מיט דיא קונדער האָט ער ניט גיוואָלט אונ איז אַוועק גיפאָרען וויא ער איז גיקומין נאָהנט פון דער שטאָט האָט ער זיך אָהן גיטוהען אַ קורץ פעלציל אונ אַברייטען גאַרטיל. אונ איז גיקומען צום רבי'ן ר' גרשון אונ האָט זיך גישטעלט בייא דער טיר. ר' גרשון איז דאַמאָלס גיזעסין בייא אַדין תורה. האָט ער גימיינט עס שטייט איין אָרימאַן האָט ער איהם גיגעבין איין פרוטה. זאָגט ר' ישראל איך דאַרף מיט אייך ריידען אַפערבאָרגינע זאַך אונ איז גיגאַנגין

סיפורי אנשי שם

אַזוי זאָגט דער מלאך המות וואָרים זאָל איך ניט זיין לוסטיג פריער האָב איך דיא צוויא לייט ניט גיקאָנט טוהען וויַל זייער גזר איז אויף דעם אָרט ניט גיווען אונ וויא דיא האָבט זייא אַהין גישיקט איז דאָרט זייער גזר אוים גיגאַנגען אַזוי האָב איך זייא דיא נשמה צוא גינומין. אַזוי האָט שלמה המלך גיזאָגט דיא פיס פון דעם מענש זענין ערבים וויא הש"י באַגערט דאָרט פירין אים דיא פיס דרום זאָל זיך דער מענטש ניט מאַכין קיין קרענקונג ווען עס טרעפט אים ח"ו אַ אומגליק אויף דעם וועג וואָרים עס איז אַלדינג פון גאָט אַז דער גזר זאָל אַזויא זיין:

איין נעצין דינער איז גיווען אונ רוים

אַזוי

גיגאנגין אין א צימער אריין אונ האט אים גיוויזען דיא תנאים אונ זאגט גיט מיר מיין ווייב איז ער גיווארין דער שראקין אונ טראכט וואס האט דער פאטער גיטאהן. ער האט גירופין זיין שוועסטער אונ האט איר דער ציילט. האט זיא גיענטפערט וואס אינזער פאטער האט גיטאהן איז זיכער רעכט. מאמער וועט פון איר ארויס קומין גיטע קינדער זייא האבין אפ גישטעלט דיא צייט פון דער חתונה אז עס איז גיקומין פאר דער חופה זאגט דער בעש"ט איך וועל מיט איר אליין רעדען פריער אונ האט מיט איר גירעט פארבארגין אונ האט זיא בעשווארען זיא זאל ניט אויס זאגין ווער ער איז האטשע זיא וועט ליידין גרויסע פיין אבער עס וועט ניט זיין אויף אייביג:

נאך דער חתונה האט דער רבי ר' גרשון גיוואלט לערנין מיט דעם בעש"ט טאמער וועט ער אים אויס לערנין א ביסעל תורה אבער ער האט זיך גימאכט אז ער קאן גאר ניט איבערנעמין האט ר' גרשון גיזאגט צוא זיין שוועסטער דיא זעהסט דאך עס איז מיר א גרויסע שאנד פון דיין מאן. אויב דיא ווילסט דיך גט'ין איז בוודאי רעכט אויב ניט וועל איך קויפין א פערד אונ דיא זאלסט מיט אים אוועק פאהרין בעזוויל איך קען ניט אויס שטיין דיא שאנד. זיא איז בעשטאנין. זיא איז מיט אים גיפארין ביז גיבערג דארטין האט ער זיך באזעצט ער פלעגט זיטצען צווישען דיא גרויסע בערג אונ איהר פרנסה איז גיוועזען זיא פלעגט עטליכע מאהל אין דער וואך קומין צוא אים מיט דעם פערד אונ וואגין אונ פלעגט איהר אהן גראבען א וועגעלע לייים אונ זיא איז גיפאהרין אין שטאט פאר קויפין אונ דער בעש"ט איז תמיד גיזעסין אליין צווישען דיא בערג אונ האט שטענדיג גיפאסט אונ דאס איז זיין עסין גיוועזען נאך דעם פאסטין האט ער אויס גיגראבען אין דער ערד איין גריבול אונ האט אריין גיטאהן מעהל מיט וואסער אונ האט גיבאקען אויף דער זון. דאס ארט וויא דער בעש"ט איז גיזעסין זענין גיוועזען גאנץ הויכע בערג צווישען דיא בערג איז גיוועזין זייער טיפע טאלען. אמאל איז ער גיגאנגען אויף א בארג זייער פאר טראכט אונ איז גיגאנגען ביז דעם עק בארג אונ רויבער זענין גישטאנין אויף דעם בארג אקעגין. וויא זייא האבין גיזעהן ער גייט צום עק בארג האבין זייא גיזאגט ער וועט זיכער צושיט ווערין. וויא ער איז גיקומין צום עק בארג איז דער

סיפורי אנשי שם

אזוי זאגט ער צוא איין פרוי ווילסט מיך נעבין פאר א מאן אזוי זאגט זיא ניין, אזוי נעמט ער איין מילגרוים אונ עסט פאר איר אז זיא זאל זעהן אונ גיט איר ניט דער פון כדי ער זאלל זיא מצער זיין וועט זיא צוא אים איין ווילינגען. וויא דיא פרוי האט דאס גיזעהן איז איר אהן גיקומען שפייעכץ אונ מויל ארטין אונ זיא האט דאס איין גקשלינגען איז זיא באלד גישוואלין גיווארין. נאכהער פרעגט ער זיא יעצט ווילסט דיא מיך נעמין אזוי וועל איך דיך געזינד מאכין, זאגט דיא פרוי יא איך וויל דיך נעמין נאר דיא זאלסט מיך געזונד מאכין. אזוי נעמט ער איין אנדערע מילגרוים אונ עסט ווידער זיא זאל זעהן אונ זאגט צוא דער פרוי ווען עס קומט דיר ווידער שפייעכץ אונ מויל אזוי שפייא באלד אויס אונ שלונג דאס ניט איין. דיא פרוי פאלגט אים אונ שפייעט אויס פון

דער אנדערער בארג צוא גיקומען אונ ער איז גלייך גיגאנגין אונ דער נאך האבען זייא זיך ווידער צוא טיילט אונ אַז ער איז צוריק גיגאנגען איז ווידער צוא זאמין גיקומין דיא בערג אַזוי איז גיוועזן עטליכע מאָהל אַזוי זענען דיא רויבער צוא אים גיקומען אונ האבין אים דער ציילט וואָס האט זיך גיטראָפין מיט דיא בערג אונ האבין אים גיזאָגט דיא ביסט אַנטלויכער מאַן דרום בעטין מיר דיך אַז דיא זאָלסט בעטין פאַר אינז מיר זאָלין בעגליקען האָט ער זייא גיענטפערט אַז איר וועט מיר שווערין אַז איהר זאָלט ניט טאָהן אַ יוד קיין בייז. וועל איך אַזוי טאָהן. האבין זייא נישוואָרין פון דאַמאָלס אָהן ווען זייא האבען גיהאַט צווישען זיך צוא טאָהן פלעגין זייא צוא אים קומען אונ ער פלעגט זייא פער גלייבין איין מאָהל זענין געקומין צוא אים צווייא רויבער זיך לאָדין איז איינעם ניט גיפעלין זיין פסק האָט ער גישפירט אַז דער בעש"ט איז אַנטשלאָפין גיוואָרין איז ער גיקומין אים הרג'נין וויא ער האָט אויף גיהויבין זיין האַק איבער דעם קאָפּ האָט מען אים אָהן גיהאַפּט ער האָט ניט גיוויסט ווער אונ מען האָט אים צוא שלאָגין אונ צוא ביילט ביז ער האָט שוין ניט גיקענט רעדין וויא דער בעש"ט האָט זיך אויף גיחאַפּט זעהט ער וויא איינער ליגט צוא בליטיגט פרעגט ער אים ווער האָט דיר דאָס גיטאָהן האָט ער קיין מאַכט ניט גיהאַט צוא ענטפערין האָט אים דער בעש"ט גילאָזט ליגען אונ דער פריא איז דער רויבער אַליין גיקומין אונ האָט אים דער ציילט וואָס עס איז אים גישעהן אַמאָל זענין דיא רויבער גיקומין צום בעש"ט אונ האבען אים גיזאָגט אַז דיא ווילסט וועלין מיר דיך פירען קיין ארץ ישראל מיר ווייסין אַ קורצין וועג האָט ער איינגיוויליגט צוא גיין מיט זייא. זענין זייא גיגאַנגען אונ זענען גיקומין אויף איין אָרט וואָס איז גיוועזן זייער אַ טיפער טאָהל פון אַ זומפּ אין מיטען וועג אונ אַברעט איז גילעגין פון איין זייט צוא דער אַנדערע זייט. זייא זענין פריער גיגאַנגען האָט ער אויך גיוואָלט נאָך גיין נאָר ער איז גיוועזן גיצווינגען זיך אים צו קערין בעוויל ער זאָל דאָרטין גיוועזן גיין וואָלט אים גיוועזן גיטראָפין אַ אומגליק. אַמאָל איז דער בעש"ט גיגאַנגין זייער פאַר טראַכט דרייא טאָג אונ דרייא נעכט אונ האָט ניט גיוויסט וויא ער איז דער נאָך האָט ער זיך דער מאַנט אַז ער איז ווייט פון זיין אָרט איז אים גיוועזין איין ווינדער עס

סיפורי אנשי שם

ביז פון איר איז אַרויס אַשטיק אַזוי וויא גרין גראָז אונ זיא איז ווידער גיזונד גיוואָרין. דרים גיהער יעדער מענטש אַבטונג צוא געבין אַז ער עסט זאָל ער דעם צווייטין אויך געבין בפרט אַזאַ זאַך וואָס איז זאַפטיג אָדער זויער אַז ניט ווערט ער בעשטראָפט ווען זיין חבר ווערט קראַנק:

דיא טאָכטער פון ר' חנינא בן תרדיון איז אַמאָל גיגאַנגען אויף דער גאַס האָבין דיא גרויסע לייט פון רוים זיא גיזעהן נייען אַזוי האָבין זייא גיזאָגט וויא גרויס איז דיא שטאָלצקייט פון דעם מיידיל. וויא זי האָט דאָס גיהערט אַזוי איז זיא נאָך מער שטאָלין גיגאַנגען. דער פאַר האָט זיא דער אייבערשטער גישטראָפט דאָס מען האָט זיא איין גיזעצט אונ איין הירין הויז. וויא זיא איז דאָרט גיזעסין אַזוי זאָגט איך שוועסטער דאָס איז דיא פרוי פון ר'

עס מיז עפיס בעטייטין מיט א מאהל איז גיקומין צו. אים אפראש אגאנץ גרויסע כמעט ער האט ניט דער קאנט וואס פאר אבאשעפיניש דאס איז דאט ער זיא גיפרעגט ווער ביסט דיא האט זיא גיענטפערט איין תלמיד חכם איז מגולגל גיווארין אונ מיר שוין פונף הונדערט יאהר. האט אים דער בעש"ט גיפרעגט וואס ער האט גיטאהן האט ער גיזאגט דאס ערשטע מאהל האט ער זיך ניט רעכט גיוואשען האט דער שטן מקטרג גיוועזן האט מען אים גיענטפערט אז דיא ערשטע זינד זאל שטיין אונ אויב דיא ווערסט אים וויטער אהן רעדען צוא אזינד וועט מען דאס אויך רעכנין. אונ אויב ער וועט זיך דער מאנין אהן גאט אונ וועט באשטיין בייא דער פרוב אונ וועט ניט טאהן וועט ער זיין ריין פון דער ערשטע זינד אויך. האט מען אים גיפרובט מיט נאך איין זינד איז ער גישטרויכילט גיווארין. אונ איין זינד ברענגט צוא דער אנדערע זינד ביז ער האט כמעט עובר גיוועזן אויף דער גאנצע תורה איז דער פסק גיוועזן אין הימעל אז מען זאל מיין תשובה ניט אהן נעמין. אונ פון דעסט וועגין איך זאל מיך גיוועזן נייטען תשובה צוא טאהן וואלט מען מיך פארט געוועזן אנגענומען אבער דער שטן האט מיך גימאכט פאר א שיכור. האב איך שוין ניט אונ קאפ גיהאט תשובה צוא טאהן אונ וויל דיא ערשטי זינד איז גיוועזין פון דיא הענד וואשין דרים אז איך בין גישטארבין בין איך מגולגל גיווארין אונ אפראש וואס זיא איז אין וואסער. אונ איך זאל זיין אויף אזוי א ארט וויא קיין לייט גייען ניט ווארין וויא א יוד איז מאכט ער אמאל אברכה אדער ער האט א גוטין גידאנק קאן ער דארך דעם עפים גוט'ס טוהן צוא דער נשמה. האט אים דער בעש"ט א טובה גיטוהן אונ דיא פראש איז גיפייגערט אונ זיין נשמה האט ער ארויף געבראכט:

אז עס איז פערבייא גיגאנגען זיבען יאהר איז ער גיבאהרין מיט זיין וייב קיין בראר צום שוואגער ר' גרשון. האט ער גיפרעגט זיין שוועסטער וויא זענט איר גיוועזן. האט זיא אים גיענטפערט מיר זענען פיל מאהל גיוועזן איינגישטעלט אין גרויסע צרות האט ער גרוים מיטלייד גיהאט אויף דיא שוועסטער אונ האט זייא גיגעבין אדירה ניט וויט פון איהם. אונ האט גינומין דעם בעש"ט פאר אבערינער צו זיך. אמאל איז דער רבי ר' גרשון גיפאהרין אונ האט דעם בעש"ט

סיפורי אנשי שם

עס איז מיר אשאנד אז מיין שוועסטער זאל אונ איין הירין הויז זיטצען. אזוי נעמט ר' מאיר איין מאס פיל דוקאטין מיט זיך אונ פאר שטעלט זיך וויא ארייטער אונ קומט צוא איר שוועסטער אונ זאגט טוא מיין ווילען זאגט זיא איך בין יעצט א נדה. זאגט ער איך וועל ווארטין ביז דיא ווערסט ריין ווערין. אזוי זאגט זיא צוא אים וואס ווילסט דיא אויף מיר ווארטין עס איז דאך דא מער זונות וואס זענען שענער פון מיר. אזוי טראכט ער איך זעה ארוים אז זיא איז ערליך וויל זיא האט יעדען דעם זעלבין אוים-רייד גיזאגט ווער עס איז גיקומען צוא איר. אזוי גייט ר' מאיר צום היטער וואס האט אכטינג גיגעבין אויף זיין פרוי'ס שוועסטער דאס זיא זאל ניט אנטלויפין אונ זאגט צוא אים איך גיב דיר דיא מאס מיט רענדליך אז דיא זאלסט מיר ארוים געבין דיזע פרויא אים

בעש"ט געגומען פאַר איין אָהן טרייבער איז דער רבי ר' גרשון אַנטשלאָפֿין געוואָרין אונ דער בעש"ט ווייל ער איז גיוועזין פערטראַכט אין לערנין זענין די פערד אונ וואָגין אריין אונ אַזוי אַזומפּ וואָס עס איז ניט מיגלעך גיוועזין אַרויס צוא פאָרין האָט ער אויף גיוועקט ר' גרשון'ן. ווייא ר' גרשון האָט דער זעהן. טראַכט ער זיך זאָל איך אים שיקען אונ דאַרף נאָך מענטשין אפֿשר וועט ער מיך נאָך אַוועק ווארפין איך וועל בעסער אַליין גיין. ווייא ר' גרשון איז צוריק גיקומען מיט מענטשין זייא זאָלין אים העלפין אַרויס שלעפין דיא פערד אין וואָגין האָט ער באַגעגינט דעם בעש"ט פאָרין פרעגט ער אים ווער האָט דיך אַרויס גישלעפט האָט ער גיענטפערט איך האָב אַגוטען קלאַפּ גיטוהן דיא פערד זענען זייא אַרויס גיגאַנגען האָט ר' גרשון גיזאָגט אפילו צוא דעם קומט ער אויך ניט צוא ניטץ צוא קיין שום זאַך אונ דער וועלט טויג ער ניט:

נאָך דעם האָט זיך דער רבי ר' גרשון איבער גיקלערט אונ האָט זייא גידונגין אַ דאָרף דער פון זיך צוא שפייזין דאָרטין האָט ער גיבויעט איין שטיבול אונ וואַלד. אונ איז גיזעסין טאָג אונ נאַכט אונ האָט גילערנט נאָר פון איין שבת צום צווייטין פלעגט ער אַרויס גיין. אונ האָט גיהאַט ווייסע קליידער אויף שבת אויך אַ באָד אונ אַ מקוה אונ דאָס ווייב האָט זיך באַשעפטיגט מיט דער פרנסה. אונ השי"ת האָט איר גיגעבין פרנסה. זיא פלעגט זייער גערן צוא נעמען אורחים אונ האָט גיגעבין עסין. אונ זיין גיוואָנהייט איז גיוועזין דאָס ער פלעגט קומען אין שטאָט אַריין ראש חודש אלול אונ איז גיזעסין איבער אַללע ימים טובים:

אַמאָל אום חול המועד סוכות האָט ר' גרשון גיזעהן אַז ער לייגט ניט קיין תפילין ווארין דער שטייגער פון דעם בעש"ט איז גיוועזין צוא שטיין דוקא ביי דער מזרח וואַנט חאָטשי ער איז ניט גיוועזין אָנגינומען. איבער דעם האָט ער אים גיהאַלטין פאַר אַ משוגענים אונ ר' גרשון איז אויך גישטאַנין אונ מזרח וואַנט האָט ער גיזעהן ווייא ער לייגט ניט קיין תפילין האָט אים ר' גרשון גיפרעגט פאַר וואָס לייגסט דיא ניט קיין תפילין האָט ער אים גיענטפערט איך האָב גיזעהן אין טייטש ספרים ווער עס לייגט תפילין אום חוה"מ קומט אים צוא טייטין. איז ר' גרשון זייער בייז גיוואָרין אונ האָט אים גענומען אונ האָט אים אַריינגיפירט צום רב. אונ האָט אים גיבעטין אַז ער זאָל אים שטראָפין ער זאָל זיך אַזוי ניט פירין חאָטשי מען האָט איהם גיהאַלטין פאַר איין ירא חטא נאָר ווייל מען האָט אים גיהאַלטין פאַר איין גרויסין גראָבין יונג האָט ער גיזאָגט איין גראָבער קען ניט זיין איין ירא חטא. אונ דער צוא

פירט

סיפורי אנשי שם

אוים דעם גיפענקניש. ענטפערט דער היטער איך פאָרכט מיך דאָס דער קעניג זאָל ניט גיוואָהר ווערין. אַזוי זאָגט ער צוא אים ווען דער קעניג וועט גיוואָהר ווערין אַזוי וועסט דיא העלפט פון דיא דוקאַטין געבען דעם קעניג וועסט דיא געוויס באַשערימט ווערין אונ דיא אַנדערע העלפט קענסטו דיר בעהאַלטין אַזויא וועסט דיא רייך ווערען. זאָגט דער היטער ווען איך זאָל אַפילו אַללע דוקאַטין אַוועק געבען אַזוי וועט מיך דער קעניג אויך טייטין ווייל איך האָב זיא אַרויס גיגעבין

פירט ער זיך ניט וויא יעדערער אונ פסק'ט זיך אַליין אונ דער רב איז גיוועזן אַגרויסער צדיק וויא זייא זענען אַריין גיקומען צום רב אונ שטוב אַריין האָט ר' גרשון גיקושט דיא מזוזה אונ דער בעש"ט האָט אַרויף גילייגט דיא האַנד אויף דער-מזוזה אונ האָט זיא ניט גיקושט איז ר' גרשון אויף דעם אויך בייז גיוואָרין. אונ זייא זענין גיקומין פאַר דעם רב האָט דער בעש"ט פאַר אים גיוויזען אַביסעל וואָס ער איז האָט דער רב אַבליק גיגעבין אויף דעם בעש"ט. אונ האָט דער זעהן אויף אים אַגרויס ליכט האָט זיך דער רב אויף גישטעלט פאַר אים אונ דער נאָך האָט דער בעש"ט ווידער גיוויזען דעם רב וואָס בייא אים טיט זיך האָט זיך דער רב ווידער אויף גישטעלט. אַזוי האָט ער גיטוהן עטליכע מאָהל. אַמאָל האָט זיך אויס גיוויזען אַז ער איז איין הייליגער מענטש. אַמאָל האָט זיך אויס גיוויזין אַז ער איז איין פראָסטאַק האָט ר' גרשון אָהן גיהויבען צוא קלאָגין אויף דעם בעש"ט פאַר דעם רב וועגין דעם וואָס ער האָט ניט גילייגט קיין תפילין אום חול המועד. אונ וואָס ער האָט ניט גיקושט דיא מזוזה. אונ דער רב האָט גאָר ניט גיענטפערט אונ האָט גינומען דעם בעש"ט אונ איין הדר אונ זאָגט איך בין אויף דיר גוזר אַז דיא זאָלסט מיר זאָגין דיא וואָהרהייט וואָס מיט דיר טיט זיך דער בעש"ט האָט זיך זייער גיפאָרכטין פאַר אים וואָרין ער איז גיוועזן אַגרויסער צדיק אונ האָט אים גימוזט זאָגין דיא וואָהרהייט. אָבער דער בעש"ט האָט ווידער גוזר גיוועזן אויף דעם רב אַז ער זאָל פאַר קיינעם ניט אויס זאָגין. דער נאָך איז דער רב אַריין גיקומין צוא ר' גרשון אונ זאָגט איך האָב אַזוי גיטאָהן וויא איר האָט מיך גיבעטין. איך פאַר שטייא האָבשי ער איז אַפראָסטאַק וועט ער פאָרט ניט אַרויס גיין פון יודישען וועג, לאָז מען איהם לאָזין פירען וויא ער פירט זיך ער מיינט ניט קיין שלעכטץ ער טיט אַלטץ מיט זיין פרומקייט. אונ דער נאָך איז גיגאַנגען דער רב צוא דער מזוזה זעהן אויב זיא איז כשר ווייל דער בעש"ט האָט ניט גיוואָלט קישען האָט ער גיפינען אַז דיא מזוזה איז פסול:

איינער פון ר' גרשון'ס תלמידים איז געפאָהרען צוא ר' גרשון דעם בעש"ט'ס שוואָגער איז ער דאָרך גיפאָהרען וויא דער בעש"ט איז גיזעסין האָט מען אים זייער פיין צוא גענומין דאָס איז גיוועזן אום דינסטאָג אַז זייא האָבין אָפּ גיגעסין ריפט זיך אָהן דער אורח. ישראל גרייט מיר אָהן דיא פערד איך וויל באַלד פאָרען. איז ער גיגאַנגין אונ האָט אים אַליין איין גישפאַנט דיא פערד

סיפורי אנשי שם

גיגעבין זאָגט ר' מאיר איך וועל דיך גאָך איין רפואה לערנין ווען דער קעניג וועט דיך וועלין טייטין אַזויא זאָלסט דיא זאָגין „אלהא דמאיר ענני" דאָס איז טייטש דער גאָט פון ר' מאיר ענטפער מיר וועסט דיא געווים באַשערימט ווערין. זאָגט דער היטער מיין ליבער פריינד דיא רפואה איז זייער גוט ווען עס איז נאָר וואָהר. זאָגט ר' מאיר צוא אים אַז דיא ווילסט וועלין מיר באַלד איין פראָבע מאַכין. דאָ זענין פערהאַנדין הונד וואָס פרעסין מענטשין. נעמט ער אַשטיק ערד אונ וואַרפט זייא אַזוי קומין דיא הונד אונ ווילען אים אויף פרעסין האָט ער גיזאָגט „אלהא דמאיר ענני" זענין דיא הונד פון אים אַוועק גיגאַנגין

שבחי בעל שם טוב

פֶערד. זאָגט דער בעש"ט צוא אים
וואָס וואָלט געוועזן אַז איר זאָלט דאָ
שבת האַלטין. הייבט אָהן דער תלמיד
זייער צוא לאַכין אונ איז אַוועק געפאָהרין
וויא ער איז אַוועק געפאָהרין אַהאַלבע
מייל האָט זיך אים צוא בראָכין דער
וואָגען איז ער צוריק געקומין. אונ עס
האָט זיך אים אַזוי געפירט דינסטאָג אונ
מיטוואָך אונ דאָנערשטאָג וואָס ניט צו
דער שרייבין איז ער אַלטץ צוריק געקומין
אויך פרייטיג האָט ער געוואָלט אַוועק
פאָהרין איז אים אַלס פאָהר געקומין
אַזעלכע זאַכין ביז ער האָט געמוזט
בלייבין שבת ביים בעש"ט האָט עס
אים זייער געקרענקט וואָס ער בלייבט
דאָ שבת ער האָט זיך געטראַכט וואָס
האַלט איך דאָ שבת בייא אַזוי אַגראָבין
יונג אַפּראָסטאַק איין דאָרפס מאַן. דער
וויל זעהט ער וויא דאָס ווייב פון דעם
בעש"ט מאַכט צוועליף חלות אויף שבת
האָט ער זיך זייער פאַר וואונדערט אונ
פרעגט דאָס ווייב וואָס טויג דיר
צוועליף חלות ענטפערט זיא האָטשע
מיין מאַן איז איין גראָבער יונג איז ער
פאָרט איין ערליכער יוד איך האָב
געזעהן בייא מיין ברודער מאַכט מען
צוועליף חלות מאַך איך אויך צוועליף
חלות האָט ער געפרעגט אויב עס איז
דאָ אַבעדיל. האָט זיא געזאָגט עס איז
דאָ אַבעדיל אונ אַמקוה האָט ער זיא
געפרעגט וואָס. טויג דאָס אייך האָט זיא
געזאָגט מיין מאַן גייט אַללע טאָג אונ
טקיה אַריין האָטשע ער איז אַפּראָסטאַק
פון דעסט וועגין האָט זיך דער אורח
פאָרט מצער געוועזן וואָס ער איז
געבליבען שבת עס איז געקומען פאַר
נאַכט דיא צייט פון מנחה פרעגט דער
אורח דאָס ווייב וויא איז דיין מאַן זאָגט
זיא ער איז נאָך אין פעלד בייא דיא
בהמות האָט דער אורח געדאַווינט מנחה
מקבל שבת געוועזן אונ מעריב אויך
געדאַווינט אונ דער בעש"ט איז נאָך
ניט געקומין ער האָט געדאַווינט. אונ זיין
שטיבול דער נאָך איז ער געקומין אונ
גראָבין קלייד אונ האָט געזאָגט גוט
שבת מיט אַגראָב קול וויא אַפּראָסטאַק
אונ זאָגט צום אורח איך האָב אייך
געזאָגט אַז איר זאָלט דאָ שבת האַלטין
איז אַזוי אויס געקומין דער נאָך האָט
זיך דער בעש"ט געשטעלט בייא דער
וואַנד גלייך וויא ער דאַוינט דער נאָך
האָט זיך דער בעש"ט געטראַכט אַז
איך וועל אַליין מאַכין קידוש וועט ער
יאָך זעהן מיין התלהבות. האָט דער
בעש"ט אָב געדאַווינט אונ דער גיך וויא
אַדאָרפס מאַן אונ האָט געהייסין דער
אורח זאָל קידוש מאַכין אונ האָבין זיך
געזעצט עסין וויא אַדאָרפס מאַן דאָס
ווייב איז געזעסין נעבין אים אונ האָבין
געגעסין דער בעש"ט מיט דעם ווייב
זענין געזעסין ליסטיג אָבער דער אורח
איז געזעסין מיט גרויס האַרטץ ווייטאָג
וויל ער איז דאָ שבת געבליבען זאָגט
דער בעש"ט צום אורח זאָגט אַביסעל
תורה

סיפורי אנשי שם

גינגונגין וויא דער היטער זעהט אַז
דיא פראָבע איז וואָהר נעמט ער דיא
דוקאַטין אונ לאָזט אַרויס זיין ווייב'ס
שוועסטער פון געפענקניש וויא דער
קעניג איז דאָס געוואָהר געוואָרין האָט
מען דעם היטער איין געזעצט אונ
געפענקניש. אונ מען האָט איהם פאַר
אורטיילט צום הענגין. וויא מען האָט
אים אויף דער תליה אַרויף געפירט האָט
ער באַלד געזאָגט. „אלהא דמאיר ענני"
האָבין זייא אים גאָר ניט געקאָנט טוהן
אונ האָבין אים נאָך געלאָזט. האָבין
זייא

תורה דיא סדרה איז גיוועזן פ׳ שמות
האט דער אורח דער צייהלט דיא גאנצע
געשיכטע פון מצרים וויא מען האט
גינומען דיא יודין אונ גלות גלייך וויא
אין פסוק שטייט אונ דער בעש״ט האט
צוא גיהערט גלייך וויא מען דער
ציילט אים אביסעל נייעס. דער נאך
האט מען געבעט דעם אורח אובין אהן
ביים טיש אונ דער בעש״ט האט זיך
אויך גילייגט שלאפין עס איז גיקומין
ארים האלבע נאכט האט זיך דער אורח
אויף גיכאפט אונ האט אבליק גיטאהן
אויף דעם אובין איז ליכטיג האט ער
גימיינט אז דיא שפענער אונ האלץ
ברענין אויף דעם אויבין וויא ער איז
גיקומין נאהנט צום אויבין האט ער
גיזעהן גרויסע ליכטיקייט האט ער
אשפרינג גיטאהן אונ איז פערחלישת
גיווארין אונ מען האט אים דער מינטערט
זאגט דער בעש״ט צום אורח קוק ניט
וויא מען דארף ניט. אונ דער פריה
איז דער בעש״ט גיגאנגין דאווינין אין
זיין שטיבול וויא ער האט גיהאט
התבודדות וויא זיין שטייגער איז גיוועזן
אונ אז ער איז אהיים גיקומין איז ער
גיקומין ליכטיג אונ האט שוין אהן
גיהויבין לובב׳גערהייט צו זאגען „אסדר
לסעודתא״ מיט גרויס פרומקייט אונ
האט זיך גיזעצט עסין אונ דער בעש״ט
האט גיבעטין דעם אורח אז ער זאל

ווידער זאגין דברי תורה דער אורח
האט גיקלערט וואס פאר א תורה ער
זאל פאר אים זאגין אונ האט אים גיזאגט
אמאמר מיט אפשט זאגט דער בעש״ט
איך האב גיהערט איין אנדערין פשט
אויף דעם מאמר נאך דער סעודה איז
ער גיגאנגין אונ זיין שטיבול דאווינען
מנחה. נאך מנחה איז ער גיקומין אהיים
אונ האט זיך גיגעבין צוא ערקענין ווער
ער איז אונ האט גיזאגט בייא שלש
סעודות גרויסע סודות התורה וואס מהאט
דאס קיינמאהל ניט גיהערט אונ האט
גידאווינט מעריב אונ האט גימאכט
הבדלה וויא זיין שטייגער איז דער נאך
האט ער גוזר גיוועזן אז ער וועט זיין
בייא ר׳ גרשון זאל ער ניט ענטדעקין
קיין שום זאך נאר צוא דיא חסידים אונ
צום רב זאלסט דיא גיין אונ זאלסט
זאגין מיט דעם לשון עס איז דא ארים
איינע איין גרויסע ליכט עס איז רעכט
איהר זאלט איהם ברענגין אין שטאט
אריין. אז דיא חסידים אונ דער רב
האבין דאס גיהערט איז בייא זייא אלע
גיבליבין דאס מיז זיין דער ר׳ ישראל
אונ האבין זיך דער מאנט אלע ווינדער
וואס ר׳ ישראל האט גיטאהן וואס האט
זיך גידאכט וויא ניט קיין פערשטענדיגער
איז אלטין גוט. איז גיבליבען בייא
אלע אז זייא זאלען פארין אין דארף
אריין אונ אים בעטין ער זאל קומין אין
שטאט

סיפורי אנשי שם

זייא אים גיפרעגט וואס דאס
בעטייט וואס זייא קענין אים גאר ניט
טוהן. אזוי דער ציילט ער דיא גאנצע
מעשה וויא דיא פרויא פון ר׳ מאיר האט
אום אוים גילערנט ער זאל זאגין אלהא
דמאיר עננו אזויא ווערט דער מלך אונ
כעס אונ באפעהלט מען זאל דוא צורה
פון ר׳ מאיר אפ מאלין אונ כעך זאל

דאס ארויף שטעלין אויף דעם טויער פון
רום אונ ווער עס וועט אים זעהן דער
זאל אום אין גיפענגניש נעמין. איין
מאהל דער זעהן אים דיא שומרים פון
דיא שטאט זייא לויפין אים נאך. אזוי
טוט הקב״ה איין נס אונ ר׳ מאיר לופט
אריין אונ איין הורין הויז. וויא דוא
שומרים האבין דאס גיזעהן זאגין זייא

שבחי בעל שם טוב

אַרײַן אין דער בעש"ט האָט געוואוסט אַז זייא פאָרין צוא אים איז ער אַליין געפאָרין אין שטאָט אַרײַן האָבין זייא אים באַגעגינט און זענין אַראָפּ געגאַנגין פון דיא וועגין און האָבין געמאַכט און וואַלד איין אָרט פון האָלץ צווישען דיא בײמער פון דיא צווייגין האָבין זייא געמאַכט וויא אַ שטיל און האָבין אים אויף גענומין פאַר אַ רב און ער האָט פאַר זייא געזאָגט תורה:

דיא אַלע וואונדער וואָס דער בעש"ט האָט געטוהן איז אַלץ געוועזן פון דיא כתבים וואָס זענין צו אים געקומין פון ר' אָדם בעש"ט און דיא כתבים האָט דער בעש"ט פאַר שלאָסין און אַ שטײן באַרג היינו ער האָט בעשוואָהרין דעם שטײן האָט ער זיך געפונט און דער נאָך האָט ער זיך פאַר שלאָסין און דיא כתבים זענין געבליבין אונווייניג. הרב המובהק דק"ק פולנאי אויף דער עלטער האָט ער געזאָגט איך האָב געקענט צוא נעמין זייא פון דעם שטײן וואָרום איך ווייס וויא זייא ליגען נאָר ווייל דער בעש"ט האָט זייא פאַר שלאָסין וויל איך זייא ניט רירען און האָט געזאָגט אַז דיא כתבים זענין אַנטפּלעגט געוואָרין אויף דער וועלט פונעף מאָל היינו צוא אברהם אָבינו און צוא יהושע דער זוהן פון נון און צוא ר' אָדם בעש"ט און צוא ר' ישראל בעש"ט און דעם פופטען ווייס איך ניט:

אין דיזער מעשה ווערט ערצײלט וויא אַזוי דער בעש"ט איזט אַנטפּלעגט געוואָרין אויף דער וועלט:

דער הייליגער בעש"ט ז"ל איידער ער איז אַנטפּלעגט געוואָרין. פלעגט ער זיך אויף צוא האַלטין און הײלין און אין וועלדער כדי ער זאָל קענין זײַן אָפּגעזונדערט ער זאָל קענין דינון הש"י און קײן מענטש זאָל אים ניט שטערין פון צוא דינון זײַן הײליגין נאָמין. צווישין דער שטאָט קאָסוב און צווישין קוטוב צווישין דיא גרויסע בערג איז דאָ אַ הײל וואָס ער האָט זיך דאָרט אַלאַנגע צײַט מתבודד געוועזן. און דער נעבען איז דאָ אַ מקוה וואָס דער בעש"ט ז"ל האָט זיך דאָרטין שטענדיג טובל געוועזן. דיא הײל מיט דער מקוה איז נאָך דאָ ביז הײַנט ווער עס פאָרט דאָרטין קען זיא זעהן. און דער צײַט האָט אָהן געהויבין דער בעש"ט ז"ל אַנטפּלעגט ווערין ער האָט אָהן געהויבין צוא ווײַזין וואונדערליכע זאַכין ער איז געוועזן איין פועל ישועות כדי ער זאָל קאָנין צוא ברײַנגין יודין צוא דינון הש"י אַזוי. וויא ער האָט זיך געפירט דאַמאָלס איז געוועזן אין דער שטאָט העלוטש אַגרויסער גביר ער האָט

סיפורי אנשי שם

חס ושלום דאָס מוז ניט זײַן ר' מאיר דען ר' מאיר וועט דאָס ניט טוהן. אַמאָל לײַט זאָגין אַז עס איז אים נאָך אַנס געשעהן אליהו הנביא האָט זיך געמאַכט פאַר אַזונה און האָט אים אַרום האַלז געהאַפּט און דורך דעם איז ער ניצול געוואָרין

האָט גיהאַט אַ איינציגע טאָכטער נאָר
זיא איז קראַנק גיוואָרין אונ איז משוגע
גיוואָרין אַז קיין שום דאָקטער האָט איר
ניט גיקאָנט העלפין. דער גביר איר
פאָטער האָט זייער פיל איין גיוועגד
זיא זאָל גיהיילט ווערין עס האָט אָבער
ניט גיהאָלפין. אַזוי האָבין אום פיל
מענטשין גיזאָגט ער זאָל פאָרין צום
בעש"ט ז"ל אַזוי וועט זיא בעשטומט
גיהיילט ווערין. דער גביר איז גיפאָרין
צום בעש"ט ז"ל אונ ער האָט אים זייער
גיבעטין ער זאָל מיט אים פאָרין קיין
העלוטש ער זאָל העלפין זיין טאָכטער:
דער בעש"ט ז"ל האָט אים צוא גיזאָגט
ווייל ער האָט גיוואָלט עס זאָל
מפורסם ווערין דער וועג פון חסידות
וויא אַזוי צוא דינון השי"ת אַזוי וויא עס
איז צוא אים נתגלה גיוואָרין פון אליהו
ז"ל דאַדורך האָט ער גיטראַכט אַז ער
וועט פאָרין אונ דאָרטין וועט ער זיך
אויף האַלטין אונ ער וועט צוא ציהין
מענטשין צוא דינון השי"ת. אַזוי איז דער
בעש"ט ז"ל גיפאָרין קיין העלוטש אויף
דעם וועג וויא זייא זענין דורך גיפאָרין
דורך דער שטאָט פוסטין האָבין זייא
דאָרטין גינעכטיגט, אין מיטין דער
נאַכט איז גיוואָרין אַגרויס גיוואַלד אונ
שטאָט אונ מען האָט גירופין אַז ווער
עס האָט פאָרכט פאַר גאָט זאָל גיין אונ
שוהל אַ ריין תהלים זאָגין אונ בעטין

אונ וויינין פאַר השי"ת ער זאָל זיך מרחם
זיין אויף דער שטאָט מען זאָל מבטל
זיין פון זייא דיא בוטערי גזירה. דער
בעש"ט ז"ל האָט גיפרעגט וואָס פאַר
אַ רעש עס איז אין שטאָט מען האָט
אים דער ציילט אַז עס איז אַ ביטערי
גזירה אונ דער שטאָט דער שר העיר
האָט אַ טאָכטער איז זיא זייער קראַנק
אונ קיין שום דאָקטער קאָן איהר ניט
העלפין. אַזוי האָבין דיא גלחים איין
עצה גיגעבין דעם שר פון דער שטאָט
אַז ער זאָל באַפעלין אויף דיא יודין אַז
זייא זאָלין מהפלל זיין אויף איר פאַר
השי"י אונ אַז זייא וועלין ניט פועל
זיין בייא השי"י איז אַ סימן אַז השי"י
האָט זייא פיינד אונ דורך זייערי זינד
איז קראַנק זיין טאָכטער אונ ער וועט
זייא אַלע אַרויס טרייבין אונ שלאָגין
אונ הרגינין איבער דעם זענין דיא
יודין אַזוי פאַר ביטערט אונ שרייען
אונ וויינין פאַר השי"י ער זאָל זייא
העלפין פון דער גרויסע צרה. דער
בעש"ט ז"ל זאָגט צוא זייא גייט צום
שר אונ זאָגט איהם אַז עס איז געקומין
אַגרויסער חכם אַ יוד וויל היילין דיין
טאָכטער ער נעמט זיך אונטער אַז ער
זאָל איר העלפין. דיא יודין זענין
גיגאַנגין צום שר אונ האָבין אים דער
ציילט אַז איין יוד וויל זיך אונטער נעמין
זיין טאָכטער צוא היילין האָט ער צוג
ערשטין

סיפורי אנשי שם

גיוואָרין פונום טויט אונ ר' מאיר האָט
גימוזט אונ איין אַנדער מדינה אַנטלופין
אַצונד קענט איר זעהן וואָס דורך
גאוה קען גישעהן. ווייל דוא טאָכטער
פון ר' חנינא בן תרדיון איז בגאוה
גיגאַנגין דורך דעם איז דאָס אַלעס גישעהן
דרום זאָל זיך אויטלוכער מענטש אָפ
לערנין ער זאָל זיך גיט בגאוה האַלטין

אַזויא וועט ער ניצול ווערין פון אַלעס
בייזין:

מַעֲשֶׂה וויא ר' יהושע בן לוי האָט
גיזאָלט שטאַרבין האָט מען
גיזאָגט אונ הומעל צום מלאך המות גייא
אַהין צוא ר' יהושע בן לוי אונ נעם
אום זיין נשמה. וויא דער מלאך המות
קומט צוא אים זאָגט דער גוטער ר' יהושע

עֶרשׁטִין נִיט גִיוואָלט בִּיז זַייא הָאבִּין אִיהם שׁטאַרק גִיבֶּעטִין הָאט עֶר גִיגֶעבִּין רשות עֶר זאָל קוּמֶען פאַר אוּם צוּא היילֶען דוּא טאָכטֶער. אַזוֹי אִיז דעֶר הייליגֶער בעש"ט ז"ל גִיגאַנגִין צוּם שר אִין הוֹיף אַרייַן אוּנ עֶר הָאט גִיזאָגט מעֶן זאָל אַרוֹיס נעֶמִין אַלֶע אוּמרייַנֶע זאַכִין פוּן דעֶר שטוּב אוּנ יעֶדעֶר מעֶנטש זאָל אַרוֹיס גייַן פוּן דעֶר שטוּב עֶס זאָל זִיךְ קייַנעֶר נִיט געֶפוּנִין דאָרטִין. אוּנ מעֶן זאָל זִיא לייגִין אוֹיף דעֶר לוּנקעֶר זייַט דעֶר נאָךְ וועֶט עֶר אַרייַן גייַן זִיא היילֶען אוּנ זייא האָבֶּען אַלץ געֶטוּהן אַזוֹי וויא עֶר הָאט גִיהייסֶען. עֶס הָאט זִיךְ אָבעֶר דאָרטעֶן בּאַהאַלטעֶן אַגלה אוּנ אַווינקִיל כדי עֶר זאָל קאָנעֶן זעֶהן וואָס דעֶר בעש"ט ז"ל טוּט. נאָר אָבעֶר אוּנ דעֶר רגע וויא דעֶר בעש"ט ז"ל אִיז גִיקוּמִין אוֹיף דעֶר טִיר הָאט עֶר געֶזאָגט עֶס לוּגנו דאָ אַיינעֶר וואָס הָאט זִיךְ בּאַהאַלטִין מעֶן זאָל אִים אַרוֹיס טרייַבּעֶן הָאט מעֶן גִיזוּכט אוּנ גִיפוּנעֶן דעֶם גלח וואָס הָאט זִיךְ בּאַהאַלטִין אוּנ מעֶן הָאט אִים אַרוֹיס גִיטרוּבּעֶן. דעֶר בעש"ט ז"ל הָאט גִענוּמעֶן אַפּאַרטשייַלֶע אוּנ הָאט זִיךְ פאַר בּוּנדעֶן דִי בּאָרד אוּנ דִיא פאוֹת עֶס זאָל קִיין האָר פוּן זייא נִיט אַרוֹס קוּקֶען דעֶר נאָךְ הָאט עֶר זִיךְ אייַנגִיבּוֹיגעֶן אוּנ הָאט אִיר עֶפִּיס גִיזאָגט אִין אוֹיעֶר אַרייַן אוּנ עֶר אִיז תיכף אַוועֶק גִיגאַנגִין אוּנ עֶר הָאט גִיזאָגט אַז זִיא אִיז שוֹין אוּנ גאַנצעֶן גִיהייַלט. אוּנ עֶס אִיז אַזוֹי גִיוועֶזן דאָס אִיז גִיוועֶן אַווינדעֶר בּייַא אַלֶע מעֶנטשִין וואָס זעֶנִין דאָרטעֶן גִיוועֶזן.

דאַדוּרךְ אִיז דעֶר נאָמעֶן פוּן דעֶם בעש"ט ז"ל בּייַוואוּסט גִיוואָרעֶן אוּנ יעֶדעֶר הָאט גִיוואוּסט אַז עֶר אִיז אַייַן געֶטלִיכעֶר מעֶנטש אוּנ מעֶן הָאט אִים גִיהאַלטעֶן פאַר אַייַן אִישׁ קדוש ונורא:

פוּן דאָרטעֶן אִיז דעֶר בעש"ט גִיפאָהרעֶן קִיין העֶלוּטש מִיט דעֶם גבִיר דעֶר בעש"ט ז"ל טראַכט זִיךְ עֶס אִיז נִיט דאָ קִיין נִיט וועֶנדִיגֶע זאַךְ צוּ טוּעֶן ווּנדעֶר חוּץ לדרךְ הטבע אַזוֹי וויא עֶר הָאט גִיטוּעֶן אוּנ פוּסטִין אַגרוֹיסעֶ הִילף אִינ אַרגע ווייַל דאַמאָלס אִיז גִיוועֶן אַייַן עת צרה צוּ יוּדעֶן. נאָר דאָ וועֶט עֶר טוּעֶן פאַוואָלֶע עֶר הָאט גִיהייסעֶן בּרעֶנגִין דִיא משוגעת אוּנ דעֶר צייַט וואָס עֶר הָאט גִידאַווינט אוּנ געֶלייַגט אוּנ בּיהמ"ד אַרייַן כדי זִיא זאָלל העֶרִין דברי קדושה אוּנ אַלֶע הייליגֶע וואָרטעֶר פוּן זייַן מוֹל אַזוֹי וועֶט אַלס בּייז פוּן אִיר אַנטלוֹיפעֶן עֶס אִיז אַזוֹי געֶוועֶן לעֶרךְ פִיר וואָכִין הָאט גִידוֹיעֶרט אוּנ דעֶם גבִיר'ס טאָכטעֶר דִי משוגעת אִיז גִיהייַלט גִיוואָרעֶן אוּנ אִיז גִיוואָרעֶן וויא יעֶדעֶר מעֶנטש גִיזוּנד אוּנ דאַדוּרךְ אִיז דעֶר נאָמעֶן פוּן דעֶם הייליגִין בעש"ט ז"ל נתגלה גִיוואָרִין אוּנ דִי וועֶלט הָאט זִיךְ צוּא אִים זעֶהר צוּ גִיצוֹיגִין:

בַּיָמִים האֵלה אוּנ דעֶר צייַט אִיז גִיוועֶן אַייַן רב אַתלמִיד חכם אַמוּפלג בּתוֹרה עֶר אִיז גִיוועֶן געֶגנעֶר אוֹיף דעֶם בעש"ט ז"ל אוּנ עֶר הָאט שטעֶנדִיג נאָךְ גִיקוּקט

סיפורי אנשי שם

בּן לוִי ווייַז מִיר צוּם עֶרשט דאָס אָרט וואָס אִיךְ וועֶל אַהִין קוּמִין. זאָגט דעֶר מלאךְ המות קוּם מִיט מִיר וועֶל אִיךְ דִיר ווייַזִין. זאָגט רבִי יהוֹשע בּן לוִי גִיבּ מִיר דייַן מעֶסעֶר דעֶן אִיךְ ווִיל דִיר נִיט גִישרוֹיעֶן אוֹיף דעֶם וועֶג, אַזוֹי גִיט אִים דעֶר מלאךְ המות דאָס מעֶסִיר וויא עֶר קוּמט אַהִין אַזוֹי זאָגט דעֶר מלאךְ המות זעֶה דאָ אִיז דייַן אָרט אוּנ הייבּט אִים אוֹיף אוּנ דעֶר הייךְ כדי עֶר זאָל קאָנעֶן זעֶהן דאָס אָרט. אַזוֹי טוּט דעֶר גוּטעֶר ר' יהוֹשע בּן לוִי אַשפּרוּנג אוּבּעֶר דוּא בּיִ[illegible]

גיקוקט דעם בעש"ט ז"ל ער זאל וויסין דעם שורש פון דער הנהגה וואס ער טוט. אמאל אום ערב שבת ווען דער בעש"ט ז"ל האט גידאווינט מנחה איז גיוועזן דער שטייגער ער האט גידאווינט מנחה עס איז נאך גיוועזן פיר שעה צוא נאכט אונ שמונה עשרה פון מנחה האט ביא אים גידויערט לערך דרייא פיר שעה בדי מעלה צוא זיין נשמות אונ אויף אללע עולמות דער רב פון דארט האט גיזעהן וויא ער איז מאריך אונ דער שמונה עשרה האט אים זייער פאר דראסין ווארום ער האט זיך ניט גיגלייבט אז אמענטש זאל קאנען אזוי לאנג שטיין אויף דוא פוס אונ זיך פאר טיפין אונ דאווינין ווארום אז מען דאווינט גאר פאוואלי דויערט לערך צעהן מינוט אבער ניט דרייא פיר שעה:

דער רב דער תלמיד חכם זאגט ווער ווייס וואס ער טוט אצונד איך וועל גיין נכטונג געבין בקיצור ער איז גיגאנגין צום בעש"ט ז"ל אונ האט אויף גיהויבין דעם טלית פון זיין פנים אונ ער האט אים אהן גיקוקט אונ דער רגע איז דער ת"ח גיבליבין אונ הלשות נאר מען האט אים זייער גיראטיווינט ביז ער האט זיך דער מאנט דער נאך איז ער קראנק גיווארין דר"יא הדשים. אזוי האט דער ת"ח דער ציילט וואס ער האט גיזעהן דען דער הייליגער בעש"ט ז"ל איז גיוועזן אשיינער מענטש וואס דאס פנים האט גילויכטין אצונד האט ער אום גיזעהן וויא אטויטין אהן אנשמה דיא אויגין פאר גלייסט אונ עס איז גיגאנגין פון דיא אויגין טרערין וויא פון אַרער אונ דער גאנצער גוף איז גישטאנין אזוי וויא אגולם אהן ארוער איבער דעם האט ער זיך אזוי דער שראקין אונ ער איז גיבליבין אונ חלשות אונ דאמאלס האט ער אויף זיך גינומין ער זאל אונטער טעניג זיין פאר דעם הייליגין בעש"ט ז"ל ווייל ער איז גיוועזן קדוש ונורא זיין עבודה וואס ער האט גידונט זיין הייליגין נאמין איז גיוועזן וווּנדערליך אז קיין מלאכים ושרפים האבין ניט גיקאנט משיג זיין אונ השי"י זאל אונז העלפין מיר זאלין קענין דינין זיין הייליגין נאמין ערינסט אונ מיר זאלין גיהאלפין ווערען בקרוב אמן:

אין דיזער מעשה ווערט דער ציילט איידער דער בעש"ט איז אנטפלעגט גיווארען אויף דער וועלט:

הרב מהור"ר ר' ישראל בעש"ט האט זיך נוהג גיוועזן מיט גרוים פרישות וטהרה ותעניתים אונ איז גיזעסין אגאנצע וואך פון יענער זייט טייך וואס האט גיהייסין

סיפורי אנשי שם

בערג מיט דעם מעסיר אזוי האפט אום אהן דער מלאך המות ביא זיין מאנטיל דאס ער זאל צורוק קומין צוא אום. זאגט ר' יהושע בן לוי איך טוא איין שבועה אז איך וועל ניט צורוק קומין צוא דיר. זאגט הקב"ה צוא רבי יהושע בן לוי האסטו שון אמאל איין שבועה גיטועזן אונ דוא האסטו דיר גילאזט מתיר זיין אזויא קען מען דיר אצונד דוא שבועה אויך מתיר זיין. ווען אבער ניט אזוי

באראפסטו

גיהייסין פרוט נאר בראנפין פלעגט אים דאס ווייב ברענגין ווייטער איז ער גיזעסין בזונדער אונ האט גילערינט אונ אהיים איז ער גיקומין פון שבת צוא שבת איינמאל אונ דער וואך האט ער גיגעסין נאר ברויט אונ זיין שוואגער ר׳ גרשון האט אים גיהאלטין פאר איין גראבין יונג אונ פלעגט אלע מאהל אהן רײדען זיין שוועסטער אז זיא זאל זיך געטין אמאהל האט ר׳ גרשון בגעגונט דעם בעש״ט האט דער בעש״ט גיהאלטין אונטערין ביזום אזוהר האט ר׳ גרשון גיפרעגט צוא אום וואס פאר אספר האסטו אונ ביזום האט ער אום ניט גיענטפערט נייט ער אונ נעמט ארויס פון דעם ביזום אונ האט גיזעהן אז דאס איז אזוהר איז ער ברוגז גיווארין אונ זאגט וויא קומסטו דער צוא אונ האט בייא אים אוועק גינומין. עס איז אמאל גיוועזן אונ שטאט אפרוי משוגעת זיא פלעגט זאגען אוטלוכין זיין גוטס אונ זיין שלעכטס אונ אז דער בעש״ט איז גיקומין אונ שטאט אריין האט ר׳ גרשון גיבעטען להרב מקוטב אז ער זאל פירין זיין שוואגער ר׳ ישראל צוא דער אשה טאמער וועט ער מקבל זיין פון איר עפוס מוסר האטשע דער רב מקוטב האט. דאך שוין גיקענט דעם בעש״ט וויא אויבין איז גישטאנין האט ער גימוזט צוא ליב טוען לר׳ גרשון אונ איז גיגאנגין מיט דעם בעש״ט אונ אלע זענין מיט אים גיגאנגען הרב מקוטב איז פריצר אריין גיקומין האט דוא אשה גיזאגט ברוך הבא קדוש וטהור אונ אויך צוא אוטלוכין ווער עס איז אריין גיקומין פון זייא האט זיא אוטלוכין גיזאגט זיינע מעלות אונ ר׳ ישראל בעש״ט איז צום הונטערשטין אריין גיקומין ער איז איונגער מאן גיוועזן זאגט זיא ברוך הבא ר׳ ישראל דוא מיינסט איך האב פאר דיר מורא איך האב ניט מורא פאר דיר איך ווייס אז מען האט דיך בעשווארין פון אויבין אונ הוטיל אז דיא זאלסט ניט עוסק זיין בשמות הקדושים ביז דיא ווערסט אלט זיין זעקס אונ דרייסיג יאהר האבין דיא לייט גיפרעגט זיא וואס זאגסטו אונ זיא זאגט ווייטער דאס דער עולם האט ניט פאר שטאנין וואס זיא זאגט אונ וויל זיא האט עטליכע מאהל דאס גיזאגט האט שוין דער בעש״ט אויף איר א גישרייא גיטועין אז דיא זאגסט יא אזוי וועל איך זעצין א ב״ד אונ וועל מיר מתיר זיין אונ דיך וועל איך ארויס טרייבין פון דער פרוי וויא דיא חברים האבין דאס גיהערט האבין זייא אהן גיהויבין צוא בעטין אים ער זאל זיך לאזין מתיר זיין האט ער ניט גיוואלט ער האט גיזאגט עס איז מסוכן אז ער וועט זיך הייסין מתיר זיין האט ער זייא זייער גיבעטין זייא זאלין אים ניט מתיר זיין זאגט דער בעש״ט צוא איר זעהסט וואס דיא ביסט גורם מיט דייני רייד דרום בעט איך דיך אז דיא זאלסט אליין מיט גוטין ארויס פון דער פרוי. אונ מיר וועלין אלע פאר דיר לערנין האט דער רוח

סיפורי אנשי שם

באדארפסטו צום מלאך המות ניט צורוק צוא גיין ער האט אבער קיינמאל קיין שבועה ניט גיטועין דרום מוז ער דיא שבועה אויך האלטין אונ נייט ניט צום מלאך המות. זאגט דער מלאך המות צוא אים גיב מיר אפ מיין מעסער וויל ער אים ניט געבין. אזוי קומט איין בת קול פונים הומעל אונ זאגט גיב אים דאס מעסער דען ער דארף עס האבין צוא דיא לייט וואס דארפין שטארבין אזויא גייט ר׳ יהושע בן לוי לעבעדיג אונ הימול אריין. אזוי רופט אליהו הנביא

צוא געזאָגט אַרויס צוא גיין מיט גוטין האָט דער בעש"ט געפרעגט דעם רוח זאָג מיר ווער ביסטו ענטפערט ער איך קאָן דיר אצונד ניט זאָגין וואָרום עס וועט זיין אַ חרפה פאַר מיינע קונדער וואָס זענין דאָ אונ שטאָט אז זייא וועלין אוועק גיין וועל איך דיר זאָגין אזוי איז געוועזין אַז זייא זענין אַוועק געגאַנגין האָט ער אויס געזאָגט ווער ער איז אונ האָט גיפאָלגט דעם בעש"ט אונ איז מיט גוטין אַ־ויס געגאַנגין פון דער פרוי נאָך דעם איז דער בעש"ט אביסיל חשוב געוואָרין אָבער מען האָט אַליין ניט געוויסט וואָס ער איז אונ וואָס ער באַטייט אָבער פאַר אַפּראָסטאַק איין עס האָרץ האָבין אים אלע געהאַלטין:

נאָך אַ ווינדערליכע מעשה ווען דער בעש"ט האָט געהאַט אַ מלומדות אונ דאָרף:

עס איז געוועזין אונ דעם דאָרף וויא דער בעש"ט איז געוועזין מלמד איז ניט געוועזין קיין רעגין אונ דער צייט וויאָס מען דאַרף אים. האָבין דיא געציינדינער פון דעם דאָרף אַרויס געטראָגין זייערע געטער אונ האָבין אַרום געטראָגין אַרום דאָרף מיט דיא גייסטליכע וויא זייער פירונג איז. אונ דער בעש"ט האָט געזאָגט צום מוכס ער זאָל אַרום שיקין צו דיא יודין פון גאַנצין געגינד זאָלין זיך צוא נויף קומין אַהער אונ מיר וועלין פאַסטין אונ בעטין אויף רעגין. אַז זייא זענין זיך צונויף געקומין האָט זיך דער בעש"ט אַליין געשטעלט פאַר דעם עמוד אונ האָבין פיהל געבעטין דער נאָך איז געקומין איין געציינדינער צום רענדאַר אונ האָט אים געפרעגט וואָס איז דאָס היינט אזוי אַטאָג וואָס איר זענט זיך צונויף געפאָרין אונ עס האָט אזוי לאַנג געדויערט אייער געבעט אונ איר האָט געוויינט. האָט דער רונדאַר געענטפערט מיר האָבין געבעטין אויף רעגין האָט דער געציינדינער זייער געשפעט. אונ האָט געזאָגט וואָס פאַר שוטים איר זענט איר האָט דאָך אַליין געזעהן וויא אונזערע גייסטליכע האָבין זיך שוין עטליכע טאָג אַרום געטראָגין מיט אונזערע געטער אונ האָבין געבעטין אויף רעגין אונ עס גייט ניט קיין רעגין וואָס האָט איר זיך געפאָרט אום זוסט
איז

אויס אונ הימאָל רומט אויס איין אורט פון וועגין ר' יהושע בן לוי אזוי זאָלין כל ישראל אזויא איין אָרט באַקומין וויא ער האָט באַקומען:

מעשה רבי אליעזר עסט איין מאָל תרומה קומט דער מלאך המוה אונ וויל אים זיין נשמה נעמין. זאָגט ר' אליעזר צוא אים זעהסט די דען ניט דאָס איך עס תרומה וואָס הייסט קודש. אזוי גייט דער מלאך המות אוועק אונ ער לעבט נאָך אלאנגע צייט. רב ששת גייט אמאָל אויף דעם מאַרק באגעגענט אים דער מלאך המות אונ וויל אים זיין נשמה אוועק נעמין. זאָגט רב ששת צוא אים ווילסטו מיך דען שעכטין אויף דער גאַס אזוי וויא איין
בהמה

איז דען אגידאנק אז איר זאלט פועל זיין ווען זייא האבין ניט גיפועלט. האט דער מוכם דער ציילט דיא רייד פון דעם געצינדינער צום מלמד דעם בעש״ט האט דער בעש״ט גיזאגט גייא צום געצינדינער אונ זאג אים ער זאל וויסען אז היינט וועט גיווים רעגינין. אונד עס איזט אזוי גיוועזין עס איז גיגאנגין רעגין דעם טאג. דער נאך האט זיך דער בעש״ט ביזעצט אונ טלוכט אונ איז דארטין אויך גיוועזן אמלמד. אונ ער פלעגט צונויף קלויבין אמנין האט ער מיין ניט גיהאט נאר אסאמנוטון מוזלוק אונ דיא שיך צוא רוסין ווארום ער איז גיוועזן א גרויסער ארימאן אונ ער פלעגט צוא גיין אונ מקיה אריין האטשו ווינטער אונ דיא גרעסטי פרעסט אונ פון דעסט וועגין בשעת דאווינין פלעגט פין אים רינון שוויים טראפין׳ס אזוי גרוים וויא ארבוס. מען פלעגט אמאל צוא ברענגין קראנקע אונ ער האט ניט גיוואלט אן נעמין. אמאל דאט מען צוא אים גיבראכט איין משוגע ומשוגעת האט ער ניט גיוואלט אן נעמין אונ ביא דער נאכט האט מען אים מודיע גיוועזן עס האט זיך אויס גילאזט דיא זעקס אונ דרייסיג יאהר וואס ער איז פאר ווערט גיוועזן צו טאהן פעולות אונ דער פריא האט ער זיך באדעבינט צוא איז דאס אמת אונ האט גינומין דיא משוגעים אונ טוט זייא א פעולה שלמה אונ האט גיהיילט. פון דענסט מאהל אהן האט ער אוועק גיווארפין דאס מלומדת אונ האט צוא גינומין א סופר זאל אים שרייבען קמיעות אונ מען איז גיפארין צו אים פון אלע סביבות אונ האט גיקרוגין אטם פאר אבעש״ט אונ טוט פעולות:

אמאל איז גיקומין צוא אים אמוכם פון איין קליין שטעטול אונ האט אים גיזאגט מען האט מיר כישוף גיטון וואס איך שטעל ניעדער ביא דער נאכט געלד אדער אנאדערו זאך אונ דער פריא בלייבט נאר העלפט האט דער בעש״ט גיהייסין דעם סופר שרייבין שמורות צוא אלו הדרים אונ איז אליין אויך מיט גיפאהרין מיט דעם מוכם אהיים ווארום דער מוכסין האט אום גיבעטין אז ער זאל מיט אים אויך פארין אז זייא זענין אהן גיקומין אהין האט דער בעש״ט צונויף גיליינט אלו שמורות אויף דעם טיש אונ איז ארויס גיגאנגין אויף דעם מארק האבין דוא בני בית גיזעהן וויא דער רוח וואס איז אהן גישוקט גיווארין פון אכישוף מאכער האט זיך גיקוקולט פון איין ארט צום אנדערין ביז דער רוח איז נאך ארוים גיגאנגין.

סיפורי אנשי שם

בהמה, אזוי נייט דער מלאך המות אוועק אונ קומט דער נאך צוא אים אהיים אזוי איז רב ששת גישטארבין. רבי חייא האט דער מלאך המות ניט גיקענט באקומין איין מאל קומט ער אונ שטעלט זיך אזוי וויא איין עני פאר זיין טיר זאגט ר׳ חייא צוא זיין זון גיב דעם עני אשטוק ברויט גייט דער מלאך המות צוא אים אונ זאגט ווארום דער בארומסטו דיך איבער איין עני ווארום דער בארומסטו דיך ניט איבער מיר אונ מאכסט מיר אזא גרויסע טרחה אונ ער ווייזט אים אפייערדיגע רוט אזוי גוט זיך ר׳ חייא איבער מיט גוטען ווילען דעם מלאך המות אונ דער האנד זיין זכות זאל אונז ביא שטיין אמן סלה:

מעשה איין געצינדינער איז מיט איין יהודי אויף דעם וועג גיגאנגין אזוי קען דער געצונדינער דעם יהודי נוט נאך קומין דער יהודי גיים צוא נישווינם

גיגאנגין פון דער שטוב אז דער בעש"ט איז צוריק גיקומין פון דעם מארק האט מען גיזעהן אז אויף דעם טויער פון דעם הויף איז גישטאנין אגרויסער קאזאק וויא דער בעש"ט איז אליין נעהנטער גיקומין צום טויער איז דער קאזאק אליין קלענער גיווארין ביז דער בעש"ט איז גיקומין צום טויער איז גאר ניט גיבליבין אונ דער בעש"ט האט מוסר גיוועזן שמורות אלו חדרים אונ איז אהיים גיפאהרין אבער דער בעל דבר וואס דער כשוף מאכער האט אים אהן גישוקט אויף דעם מוכבין איז זייער בייז גיוועזן אויף דעם כשוף-מאכער ווייל ער האט גימוזט אפ טרעטין מיט גיוואלד איז ער גיגאנגין צום כישוף-מאכער אהיים אונ האט גיהרגית צווייא קונדער פון דעם כישוף-מאכער איז אמאהל געווען גיקומין צום רונדאר מיט אגרויס געוויין באשר דער בעל דבר איז גוקימין צוא אים אהיים מיט אגרויכין כעס אונ האט גיהרגות זיינע צוויי קונדער:

מַעֲשֶׂה פוּן הָרַב דֶער הָסִיד ר' אַבָּא רַב מִקְרִיבְצִיץ עֶר אִיז דֶער נָאךְ גִיוָוארֶען רַב אִין שְׁטָאט שְׂדֵה לָבָן:

עס איז צוא אים גיקומין זיין מחותן האבין זייא זיך מפלפל גיוועזן אונ א משנה אונ דער בעש"ט איז גיקומין צום רב מקריבציץ זענין זייא אים ניט אקעגין גיגאנגין אונ אז דער בעש"ט איז ארריין גיקומין האט ער גיזעהן זייא זענין זיך עפיס מפלפל פרעגט ער זייא אונ וואס זענט איר אייך מפלפל האבין זייא גיוויזען אנאנדערי משנה האט ער זייא גיענטפערט איך וויים וויל אז איר האט זיך מפלפל גיוועזן אונ אנאנדערי משנה אבער איך וויים אונ דער משנה. וואס איר האט מיר גיוויזען אויף גישפעט איז דארטין אויך אגרויסע קשיא קשה אונ האט זייא גיזאגט דעם פשט פון דער משנה אונ איז אוועק גיפארין פון זייא דער נאך האבין זייא זיך מיישב גיוועזן וויא האבין מיר פריר גילערינט דיא משנה אונ האבין זיך מיישב גיוועזן מיר האבין אונ אים גאר ניט נוהג כבוד גיוועזן דער בעש"ט האט זיך גישטעלט פאסין דיא פערד אונ זייא האבין זיך מיישב גיוועזן מיר מוזען אים נאך פארין אונ זענין אים נאך גיפארין האבין זייא אים אן גיטראפין אונ זענין גיקומין צו אים אונ זענין גיוועזן מיט אים איין צייט אונ פון דענסמאל אן איז דער קריבצוצער רב גיפארין צום בעש"ט איין מאל אונ חודש:

אמאל האט ר' אבא גיהאלטין שבת ביים בעש"ט אונ האט זיך טועה גיוועזן אונ דער שמונה עשרה אונ

סיפורי אנשי שם

גישווינד אזוי וועסט דער געצין-דינער ניט וואס ער זאל טוהן דאס דער יהודי זאל ניט אזויא שטארק גיין אזויא דער באנט דער געצין-דינער דעם יהודי אן חורבן ביהמ"ק כדי דער יהודי זאל זיך מצער זיין אזוי וועט ער מוזען לאנגזאם גיין. אזויא זופצט דער יהודי אבער ער גייט דאך גישווינד. אזויא פרעגט דער געצינדינער

אונ האָט גיזאָגט אַתה חונן אַז ער איז אַהיים גיקומין צום בעש"ט זאָגט דער בעש"ט שיין קריבצוצער רב האָט גידאַווינט אתה חונן אום שבת:

אַז דער בעש"ט איז גיפאָרין קיין שדה לבן האָט ער גידאַווינט מנחה אין פעלד אונטער דער שטאָט אונ דערנאָכמאָל איז גיוועזן הרב אב"ד בשדה לבן בן החסיד ר' חיים אונ האָט גידאַווינט מנחה אונ שוהל אַז דער בעש"ט איז גיקומין אונ שטאָט אַריין איז ער גיגאַנגין אונ שוהל אַריין העריין קדושה והרב ר' חיים איז נאָך גישטאַנין שמונה עשרה אונ דער בעש"ט האָט זיך גישטעלט אונ פּאָלוש אונ האָט גיהייסין זיין גבאי אַז ער זאָל גיין אַראָפּ נעמין דיא גישרובענע מנורה וואָס שטייט פאַר הרב ר' חיים אונ אַז דער רב איז אויס גיגאַנגין שמונה עשרה האָט ער גיזעהן דיא מנורה איז ניט דאָ האָט ער זיך פאַר וואונדערט ווער עס האָט זיא גינומין האָט מען אים גיזאָגט דער בעש"ט שטייט אונ פּאָלוש ער האָט גיהייסין צו נעמין נאָך קדושה איז דער רב אַרויס גיגאַנגין אונ פּאָלוש אונ האָט גיפרעגט דעם בעש"ט האָט דער בעש"ט גיזאָגט דיא האָסט גיהאַט אַ מחשבה זרה אונ דאַווינין מחמת דער מנורה וואָס איז גישטאַנין פאַר דיר ווארום דער סופר פון דער מנורה איז גיוועזן איין רשע:

דער בעש"ט פלעגט עוסק זיין אונ דאָקטאָריא פלעגט מען צוא אים פאָרין פון אַלי סביבות ער האָט זייא אַלע גיהאָלפין אונ אין אוכטרא איז גיוועזן אַגרויסער דאָקטאָר דער דאָקטאָר האָט אַ שם גיהאַט אויף דער גאַנצער מדינה דער דאָקטאָר איז גיוואָר גיוואָרין אַז דער בעש"ט איז עוסק אונ דאָקטאָריא איז ער גיוואָרין אין כעס אונ האָט זיך באַריהמט אַז ער וועט דער זעהן דעם בעש"ט וועט ער אים שיסען עס האָט זיך אַמאָל גיטראָפין אַז הרב ר' אברהם פּודלסקער מגיד משרים דק"ק שדה לבן איז זייער שלאַף גיוועזן האָט ער גישיקט נאָך דעם בעש"ט איז ער גיקומין אונ האָט זיך פאַר זוימט ביי הרב ר' אברהם אַ צייט אונ האָט אים גיהייסין טוהן כמה וכמה רפואות אונ דיא קונדער של הרב האָבין מורא גיהאַט זיך סומך צוא זיין אויף אים האָבין זייא גישיקט קיין אוכטרא נאָך דעם דאָקטאָר אָבער הרב האָט דער פון ניט גיוויסט דער דאָקטאָר איז שוין גיוועזן עטליכע מייל פון דער שטאָט דער בעש"ט זאָגט צום רב עס איז שוין צייט אַ היים צוא פאָרין איהר דאַרפט שוין מיך ניט ווארום דער אוכטרא דאָקטאָר פאָרט שוין ער נעבטוגט שוין צווייא מייל פון דער שטאָט דער ר' אברהם בעט אים זייער ער זאָל נאָך ניט פאָרין איז דער בעש"ט גיבליבין

סיפורי אנשי שם

-עצונ-דינער דעם יהודי עס שטייט דאָך אונ אייער תורה גישריבין ווען איינער איז זיך מצער אַזוי גייט אים דוא העלפט פון זיין כח אוועק ווארום גייבטו דאָך אַזוי גישווינד ענטפערט אים דער יהודי דאָס איז גיזאָגט גיוואָרין ביי אַזא זאַך וואָס דעם מענטש אונ אַקירצע צייט גישעהם אָבער חורבן ביהמ"ק איז שוין אַלאַנגי צייט דאָס עס איז גישעהן דרום איז דער צער ניט אַזוי גרויס דאָס אים דיזי העלפט כח אוועק גייט איין שפרוך ווערט זאָגין דיא לייט איין פרוי וואָס איז גיוואַנט חס ושלום אירע קונדער צו באַגראָבין דיא דער שרעקט זיך ניט שטאַרק ווען איהר חלילה אַקונד שטאַרב כלומר אויף אַזא זאַך וואָס מען איז גיוואַנט

אַזוי

גיגלויבין נעכטוגין אונ דער פרוא זאגט דער בעש"ט להרב ר' אברהם זייט גיזונט איך פאר שוין אוועק דער דאקטאר איז שוין אונ שטאט אונ האט זיך אויף גיזעצט אויף דעם וואגין אונ איז אוועק גיפארין אונ דער בעש"ט איז פריער גיפארין נעבין דער סטאנציע וויא דער דאקטאר איז איין גישטאנין איז ער אראפ גיגאנגין פון דעם וואגין אונ איז אריין גיגאנגין צום דאקטאר אונ זאגט אים שלום כרעגט אים דער דאקטאר ווער האט דיך גילערינט דאקטאריייא האט אים דער בעש"ט גיענטפערט גאט האט מיך גילערינט אונ עס איז גיפאלין אויף דעם דאקטאר א גרויסע פארכט אונ האט מיט אים מיין ניט גירעט איז דער בעש"ט אהיים גיפארין אונ הרב ר' אברהם'ס קונדער האבין גיבראכט דעם דאקטאר צום פאטער האט ער אים גיהייסין טאהן רפואות וואס ער האט אים גיהייסין טוהן. האבין זייא אים גיזאגט דאס האט דער בעש"ט אויך גיהייסין טאהן אונ מען האט שוין דיא רפואות גיטאהן בקיצור דער דאקטאר איז זייער מבויש גיווארין אונ איז אוועק גיפארין איז הרב ר' אברהם פידלסקר ברוגז גיווארין אויף זיינע קינדער וואס האט איר גיטאהן וואס איר האט גישיקט נאך דעם דאקטאר איבער דעם איז ר' ישראל בעש"ט אוועק גיפארין איך ווייס אז דער בעש"ט איז צוא מיר אריין גיקומין איז דיא שכינה אויך מיט אים גיקומין אונ · אז דער דאקטער איז גיקומין האט זיך מיר גידאכט אז אגייסטליכער איז צוא מיר אריין גיקומין :

נאך אוינדערליבע מעשה פון הייליגען בעש"ט ז"ל:

אונ מעזבוז וויא דער הייליגער בעש"ט איז גיוועזן איז דארטין גיוועזן איין גרויסער תלמיד חכם וואס ער איז גיזעסין טאג אונ נאכט אונ האט גילערונט ער איז אבער זייער ארום גיוועזן ער האט זיך בעגעגוגען גילאזט פון דעם וואס מענטשין האבין זיך מרחם גיוועזן אויף אים פון דעם האט ער זיך מפרנס גיוועזן מיט דעם גאנצין בני בית. זיין ווייב איז גיוועזן איין גרויסי צדקת זוא האט אים
קיין

סיפורי אנשי שם

אזוי דער שרעקט מען זיך ניט שטארק דער פאר השי"ת זאל אונז אפ היטן פון אלו צרות אמן סלה :

מעשה חוני המעגל גייט אמאל אויף דעם וועג אזוי זעהט ער וויא איין אלטער מאן פלאנצט איין באקסין בוים אזויא פרעגט ער אים נאך וואס פלאנצט דוא דעם בוים ער וואקסט דאך ערשט נאך זיבציג יאהר אונ דוא וועסט דאך אזויא לאנג ניט לעבין זאגט דער אלטער אזוי גוט וויא מיינע עלטערין האבין גיפלאנצט איין באקסערין בוים אונ זייא האבין דער · פון ניט גיגעסין נאר זייא האבין גיזארגט דאס איך זאל פון דעם בוים עסין אזוי מוז איך זארגין פאר מייני קונדער דאס זייא זאלין פון מיין בוים עסין אויך גיהערט מען זיינע קונדער ניט פאר שטויסין אפילו ווען
אײנער

קיין מאהל נישט גיזאָגט ער זאָל געבּן פּרנסה ווייל זוא האָט ניט גיוואָלט איהם מבטל זיין פון תורה לערנין דוא קונדער וועגין דער וואַקסין גיוואָרין איז דאָס ווייב גיקומין אונ האָט איהם גיזאָגט אמת אַז מיר לעבּין אונ גרויס ביטחון אַז זיין היילוגער נאָמין וועט אונז העלפין וואָס איז צוא טוהן אַז דוא קונדער זענין שוין זייער גרויס עס איז נישט שיין צוא לאָזין אום גיין טעבּטער אונ די יאָהרין אַזוי זאָגט צוא איר דער מאַן נוא וואָס קאָן איך טאָהן דאַצוּ אַז זיין היילוגער נאָמין האָט נאָך נישט גישוקט דוא הולף זיא זאָגט צוא איהם פאָלג מיך נאָר מיין מאַן עס איז דאָ אונ שטאָט דער היילינגער בעש"ט פול מענטשין זענין דורך איהם גיהאָלפין גיוואָרין דוא זעהסט פון דער גאַנצער וועלט מאַכט מען הוצאות אונ מען פאָרט צום בעש"ט ז"ל אַז מיר זענין אונ איין שטאָט פאַר וואָס זאָלסטו נישט גיין צוא איהם ליינג אַוועק דיין התנגדות אונ ביינג דיך צוא איהם צוא וועסטו אויך גיהאָלפין ווערין ׃

דער תלמיד חכם האָטשוּ ער איז גיוועזן אַמתנגד אונ ער האָט נישט גינלייבּט אָהן דעם בעש"ט ז"ל וואָס האָט ער גיקענט טוהן זיין ווייב האָט איהם נישט נאָך גילאָזט אונ דוא נוט איהם גיבראַכט ער איז אַריין גיגאַנגין צום בעש"ט ז"ל אונ ער האָט איהם דער ציילט פון זיין גרויס ענגשאַפט אונ גרויס אָרומקייט נאָך אַז דוא קונדער זענין שוין דער וואַקסין ער דאַרף זייא התונה צוא מאַכין אונ ער האָט נישט קיין פרוטה אַחת ׃

דער בעש"ט ז"ל זאָגט צוא איהם פאָהר קיין קאָזמור דאָרטין זאָלסט פרעגין אויף איין בעל מלאָכה אונ ער האָט איהם גיזאָגט זיין נאָמין אונ זיין פאָטערס נאָמין נאָך אַ אַנדירון צייכין כדי ער זאָל זיך קענין אָפּ פרעגין צוא איהם אונ אַז ער וועט גאַנץ גוט פאַר שטיין איהם וועט ער האָבּין איין רפואה צוא אַלום וואָס ער דאַרף דער תלמיד חכם האָט אויף זיך מקבל גיוועזן דעם טורח הדרך ער זאָל אַוועק וויא דער בעש"ט האָט איהם גיהייסין אונ ער האָט ניט גיהאַט קיין געלד אויף הוצאות אַזוי איז ער גיגאַנגין צוא פוס פון שטאָט צוא שטאָט ביז ער איז גיקומין אונ דער שטאָט אַריין וואָס דער בעש"ט האָט גיהייסין דער שטייגער פון איין אָרומאַן איז אַז ער קומט אונ איין שבאָט אַריין גייט ער גלייך אונ בית המדריש אַריין. ער זאָל זיך דאָרטין אָפּ רוהען. דער אָרומאַן איז גיקומין אונ בית המדרש אַריין איז גיוועזן זייער פול מענטשין האָט ער תיכף אָהן גיהויבּין צוא פרעגין אויף דעם בעל מלאָכה וואָס דער בעש"ט האָט איהם גיהייסין. אַזוי האָט קיינער נישט גיוויסט זייא האָבּין איהם גיזאָגט עס איז אונ שטאָט ניט דאָ אַזוי איינער וואָס ער הייסט אַזוי וויא דוא פרעגסט נאָך אויף איהם מיר ווייסין ניט פון אַזוי אַבעל מלאָכה אַזוי האָט דער תלמיד חכם גיזעצט אויף זיינע גרוסע צרות אונ פון וועגין דוא גרויסע מוה וואָס ער האָט גיהאַט אויף דעם וועג

סיפורי אנשי שם

אייגער האָט אַשלעבּט קונד. נאָר מען זאָל איהם מיט גוטין צוא נעמין ביז ער וועט בעסער ווערין ׃

מַעֲשֶׂה ר' יוסי בן יועזר האָט גיהאַט איין זוהן וואָס ער האָט ניט גיוואָלט קיין גוטס טוען. אונ דער רבי יוסי בן יועזר איז אַגרויסער עושר גיוועזן אַזוי נעמט דער פאָטער איין מאָס פול מיט דוקאַטין אונ האָט עס מקדיש גיוועזן כדי מען זאָל קיין הנאה ניט האָבּין דער

פון

וועג און ער איז גיקומין און א אנדער בית המדרש פרעגין אויף אים האט קיינער ניט גיוויסט צוא ענטפערין נאר עס איז דארטין גיוועזן אלטי לייט האבין זייא אים גירופין און האבין אים אויס גיפרעגט אלו סימנים אזוי האבין זייא אים גיזאגט:

ליבער פריינד וואס פרעגט איר אויף אים דער רשע איז שוין זעכציג יאהר גישטארבין זייא האבין אים דער ציילט אז עס איז אמת דער מענטש האט דא גיוואוינט און דער שטאט נאר ער איז גיוועזן א רשע אמסור און ער האט ניט גילאזט איין עבירה וואס ער האט ניט עובר גיוועזן און עס איז שוין זעכציג יאהר אז ער איז גישטארבין און דוא גאנצי שטאט האט זיך גיפרייט וואס ער איז גישטארבין וואס טויג ער אייך וואס פרעגט איר אויף אים וויא דער תלמיד חכם האט דאס גיהערט איז ער גיגאנגין צוא דוא אלטי לייט פרעגין האבין זייא אלו אים גיזאגט אז ער איז גיוועזן א רשע און ער איז שוין מער טויט פון זעכציג יאהר:

דער נאך איז דער תלמיד חכם אוועק גיגאנגין מיט אציברויכין הארץ און ער האט אהן גיהויבין צוא גיין צוריק אהן איין הולף מיט גרויס צער בוז ער איז גיקומין קיין מעזיבוז מוהר און שלאף פון דעם וועג און ער איז גיגאנגין צום בעש"ט ער זאל וויסין דוא כוונה וואס ער האט גימיינט מיט דער נסיעה ער האט אים דער ציילט אלדינג וואס עס איז מיט אים גיוויין אז ער איז גיוועזן און דער שטאט וואס ער האט אים גישוקט און ער האט נאך גיפרעגט און יעדער האט אום גיזאגט אז דער איז שוין זעכציג יאהר טויט און ער איז גיוועזן איין רשע מפורסם אמסור וואס ער האט ניט גילאזט איין עבירה וואס ער האט ניט עובר גיוועזן:

ענטפערט דער בעש"ט ז"ל דוא בוסט דאך באמת אירא שמים אתלמיד חכם און גלייבסט און דער גמרא און אין אלו הייליגע חכמים וואס האבין גישריבין פון גלגולים וויא דער מענטש ווערט מגולגל כדי ער זאל מתקן זיין וואס ער האט פוגם גיוועזן ער מוז מקבל זיין יסורים ער זאל אפ קומין פאר דוא הטאים דער תלמיד חכם ענטפורט איך גלייב דוא אלו זאכין באמונה האט דער הייליגער בעש"ט ז"ל גיזאגט אזוי זאלסטו וויסין אז דוא בוסט דער זעלבער פון דער שטאט וואס פאר זעכציג יאהר האסטו גיטאהן אלע עבירת פון דער תורה אצונד פרעג איך דיך ווילסטו נאך עס זאל דיר גוט

סיפורי אנשי שם

פון . דער וויל טוהט דער זוהן אשידוך און נעמט אטאכטער פון איינעם דער דוא קרוינען שטיקט פאר ינאי המלך וויא דיא צייט קומט דאס זיין פרויא איז גיווארין אקימפטארין אזוי גייט ער אויף דעם מארק און קויפט אפוש . וויא ער קומט אהיים און מאכט אויף דעם פוש אזויא געפונט ער אגרויסע שיינע פערל אין דעם פוש וואס איר גלייבין איז ניט דא אויף דער וועלט אזוי זאגט זיין פרוי צוא אים מיין ליבער מאן מיר וועלין דיא פערל ניט פאר קויפין דעם מלך דען ער וועט דוא פערל וועלין קויפין פאר ווייניג געלד אזויא גייא צום גבאי צדקה פון דעם ביהמ"ק און פאר קויף אים דוא פערל דען ער דארף זיא האבין צום חושן יאפוד אבער זאגט אים ניט וויפיל דוא פאר לאנגסט דען מאמער איז דיא פערל מער ווערט . אזוי זאג דוא דעם גבאי ער זאל דיר גיבין

גוט געוען און רייכקייט און כבוד מיט אלוס גוט'ס הלוואי דיא זאלסט נאר זיין וואס דוא האסט פוגם געוועזן און יענעם גלגול, דוא יסורים מיט עניות וואס דיא ליידסט זאל זיין איין אפ קומעניש פאר דוא גרויסע זונד פון דעם גלגול:

וויא דער תלמיד חכם האט דאס דער הערט איז ער זייער דער שראקין געווארין ער האט געוויינט פאר דעם היילינגען בעש"ט ז"ל ער זאל אים געבין א תיקון אויף דעם וואס ער האט פוגם געוועזן און ער האט זיך אהן גיקנופט אהן דיא היילינגע תורה און ער האט גידאווינט געלערינט מיט גרויס התמדה און ער איז געווארין פון דיא גרויסע תלמידים פון דעם היילינגין בעש"ט ז"ל:

פון דער ווינדערליכע מעשה זאל זיך יעדער ארויס נעמין א מוסר ער זאל ניט מתרעם זיין אויף זיין מזל וויא אזוי עס גייט אים ער זאל שווייגין און זאל בעטין פון זיין היילינגין נאמין עס זאל אים זיין א תיקון צוא אלע זיינע חטאים און ער זאל זיך פאר זיכערין אהן השי"ת אז ער וועט אים בוודאי העלפין השי"ת זאל אונז העלפין מיר זאלין פאר ריכטין אלע זינד און מיר זאלין גיהאלפין ווערין במהרה בימינו אמן:

א ווינדערליכע מעשה פון האר"י ז"ל:

א מעשה וואס עס איז גישעהן אין דיא צייטין פון דעם האר"י הקדוש ז"ל ער איז געוועזן בייא א סעודת מצוה וואס עס האט חתונה גיהאט א גרויסער תלמוד חכם א גרויס'ר ירא שמים דער יונגער מאן איז געוועזן קדוש וטהור מפורסם מיט זיין צדקות וחסידות און נאך דער חופה בייא דער סעודה וויא מען האט גיגעסין האט דער חתן גינומין א שטיקול עוף צוא עסין האט ער איין גישלונגין א ביינדיל פון דעם עוף און האלץ ארייין און ער איז דער ווארגין געווארין און איז גישטארבין דער גאנצער עולם האט זייער געוויינט און געיאמערט אויף דעם אונגלוק וואס עס האט זיך גיטראפין. דער ר"י הקדוש האט ניט געוויינט און האט נאך געוויזין א פרייליך פנים. דער גאנצער עולם האט זיך זייער פאר ווינדערט און האבין גיפרעגט דעם ר"י הקדוש

כאר

סיפורי אנשי שם .

געבין וויפיל זיא איז ווערט דען ער איז אפרומער מאן ער וועט דיר געוויס קיין לוגנט ניט זאגין. וויא דער גוטער מאן האט דוא פעריל צום גבאי אהין גיבראכט אזוי שאצט זיא דער גבאי דרייצעהן מאס דוקאטין נאר ער זאגט איך האב יעצט ניט מער און דוא צדקה גאר זעכין מאס מיט דוקאטין אזוי וועל איך דיר אצונד געבין און מיט דו איבריגע זעקס מוזטו אביסיל ווארטין. זאגט דער גוטער מאן ווייל עס איז מער ניט דא קיין געלד אזוי גיב מיר דו זיבין מאס מיט דוקאטין און דוא איבריגע זעקס בין איך מקדיש אויף צדקה דרויף האבין דו חכמים גיזאגט ווען דער פאטער ר' יוסי האט איין מאס דוקאטין מקדיש גיוועזן

האט

פאַר וואָס ער ווייזט נאָך אַפריילִיך פנים:

דער ר"י הקדוש ענטפֿערט זייא עטץ וואָלט וויסין אַז דער יונגער מאַן האָט ביז דער רגע מתקן געוועזען זיין שורש נשמה פון אַלע גלגולים וואָס ער איז געוועזען. דער יונגער מאַן איז נאָך אונ פריהערגין גלגול געוועזען אַ גרויסער צדיק קדוש וטהור ער איז געוועזען מפורסם מיט גרויס צדקות ער האָט מתקן געוועזען אלו פגמים פון זיין שורש נשמה, נאָר דאָס וואָס ער איז מגולגל געוואָרין נאָך אַמאָל איז געוועזען איבער אַזאַך. ער איז געוועזען מורה הוראה וואָס האָט גיפסקנט שאלות אונ איז געוועזען אַ גרויסער צדיק אונ אַ גרויסער ירא שמים אונ זיין צייט איז געוועזען איין נשמה וואָס זיא איז אַרום גיגאַנגין אויף דעם עולם התהו אונ דיזא נשמה האָט קיין שום תיקון גיהאַט ביז עס איז גיקומין דער פסק דין פון דעם בית דין של מעלה ער זאָל מגולגל ווערין אונ איין עוף טהור אונ ווען ער וועט האָבין אַזכיה אַ צדיק זאָל עסין דאָס עוף אָדער אויף סעודת שבת קודש וועט דאָס עוף פאַר נוצט ווערין אַזוי וועט דיא נשמה האָבין אַ תיקון עס איז אַזוי געוועזען דיא נשמה איז אַריין אונ איין עוף דאָס עוף האָט גיקויפט איין ירא שמים לכבוד שבת. עס איז באמת געוועזען אַ זכיה אַז כמעט האָט דיא נשמה גיהאַט אַ תיקון גדול נאָר דיא דונסט וואָס האָט גיקאָכט האָט דער זעהן אַז עס איז עפּיס אַ שאלה אויף דעם עוף איז זיא גיגאַנגין צוא דעם קדוש דעם מורה הוראה פרעגין דיא שאלה צוא דאָס עוף איז כשר. דער מורה הוראה האָט זיך ניט גוט מישב געוועזען אונ האָט גיזאָגט אויף דעם עוף טרפה, האָטשו ער האָט גיקאָנט מכשיר זיין אַזוי האָט דיא עלענדיא נשמה קיין תיקון ניט גיהאַט אונ זיא איז צוריק גיקומין אונ האָט זיך אַרום גיבלאָנקונט אוף דעם עולם התהו דיא נשמה איז אָבער גיגאַנגין פאַר דעם בית דין של מעלה אונ האָט גישריגין אויף דעם קדוש אַז דער קדוש איז שולדיג אונ דעם וואָס זיא האָט קיין תיקון ניט וואָרין עס האָט זיך שוין גיטראָפין אַז אַ ירא שמים האָט גיקויפט דאָס עוף לכבוד שבת אונ זיא איז על פי דין תורה כשר געוועזען אַזוי איז דער תיקון פאַר דיא אויגין. נאָר דער קדוש דער מורה הוראה האָט קאַליא גימאַכט איבער דעם זאָל מען פון הימעל פסקונין קעגין דעם קדוש: דורך

האָט זיין זוהן זעקס מאָס מקדיש געוועזען:

סיפורי אנשי שם

בעשרייבונג פון הילני המלכה

הילני המלכה איז געוועזען אַגעצינדינערין אונ זיא איז איבער גיגאַנגין מיט אירי קונדער צום יודענטום איר מאַן האָט גיהייסין מונבאַז קינוג פון אַדאַבאָנו ביא דעם גרויסין טייך חדקל. זיין ווייב העלונו האָט איהם גיבאָרין עטלוכי זוהן דער יונגסטער האָט גיהייסין איצאַטוס. אים האָבין דוא עלטערין ליבער גיהאַט פון אַללע קונדער אונ ווייל דוא עלטערין האָבין ניט גיוואָלט דער וועקון קיין פיינדשאַפט אונ האַרץ פון זייני ברודער אויף אום האָבין זייא אום אַוועק גישוקט צוא איין אַנדערין קונוג איינום פון זייא אַבעקאָנטין ער זאָל אונ קענינגלוכין הויז ערצויגין ווערין. דער קינוג האָט אויך גיהאַט אַשייני טאָכטער דוא צווייא יונגי מענטשין האָבין זיך גיליבט אונ האָבין גיהייראַטוט. אונ דער זעלבער צייט איז דאָרטין

דורך דעם איז געקומען א פסק פון בית דין של מעלה אז דער צדיק זאל נאך אמאל מגולגל ווערען בדי ער זאל מתקן זיין דיא נשמה וואס זיא וועט נאך אמאל מגולגל ווערען אונ איין עוף אריין. ווען ער וועט מתקן זיין דיא נשמה, וועט ער שוין האבען מתקן געווען זיין נשמה אונ עס איז אזוי געווען אז דיא נשמה איז מגולגל געווארען אונ דעם עוף אריין וואס עס איז געקוילעט געווארען צוא דער סעודת מצוה פון דעם צדיק. אונ וויא דער צדיק האט נאר אהן געהויבען צוא עסען פון דעם עוף האט דיא נשמה געהאט א תיקון גדול אונ דער צדיק האט שוין ניט געהאט וואס צוא טאהן אויף דער וועלט וויא ער האט אלדונג פאר רעכט פון אלע גלגולים וואל צוא דער הייליגע נשמה אז זיא האט זוכה געווען אונ דיא יונגע יאהרען אלדונג צוא פאר ריכטען. פון דעם קאן מען זיך גענוג מוסר ארויס נעמען אז ווען ח"ו עס טרעפט אצדיק שטארבט אונ יונגע יאהרען אז מזאל חלילה ניט מת-עם זיין ווארין זיין הייליגער נאמען איז רעכט ער פירט דיא וועלט ער ווייסט וואס גוט איז פאר דעם מענטש. למשל א מלך האט געהאט איין בת יחידה וואס ער האט זיא זייער ליב געהאט אונ ער האט געוואלט אז זיא זאל זיין געלערנט אונ אלע קלוגהייטען אזוי האט ער זיא געשוקט אונ א ווייטע מדינה צווישען קלוגע מענטשען זיא זאל זיך לערנען קלוגשאפט פון זייא דיא בת מלך איז געקומען צווישען דיא קלוגע מענטשען אונטער זייער חבר'שאפט האבען זייא זיא זייער ליב געהאט אונ האבען זיך מיט איר זייער געפרייד וויא מיט א שוועסטער אונ האבען אויננים געלעבט אונ איין צייט ארום וויא דיא בת מלך האט זיך שוין פיל אויס געלערינט האט דער מלך איר ליבער פאטער געהערט אזוי האט ער נאך איר געשוקט זיא זאל אהיים קומען זיא זאל זיצען ביים מלכות אונ שטיב אונ אויננים מיט שרי מלוכה נישט מיט פראסטע מענטשען נאר מיט פירשטען אונ פרינצעסינס דיא בת מלך אבער איז שוין זייער געווינט געווארין אונ דער מדינה מיט דיא מענטשען זייא האבען זיך אלע זייער ליב געהאט איז פאר זייא בעידיא זייער שווער געווען דאס אפשיידען דיא בת מלך האט געוויינט וואס זיא גייט אוועק פון אירע פיהל פריינד אונ אירע פריינד האבען זייער געוויינט ווייל זיא גייט אוועק פון זייא עס איז געווען אגרויסער חכם זאגט ער צוא זייא וואס וויינט עטך. עטך דארפט אייך אלע פרייען אונ ניט צוא וויינען אז זיא האט זיך

סיפורי אנשי שם

דארטען געקומען איין יוד ער האט געהייסען חנניה. דער חנניה האט געהאט איין איינגאנג אין דעם קעניגלוכען הויז ער האט געלערינט פאר דיא טעכטער פון דעם קעניג דיא יודישע אמונה מיט אלע אירע שונהייט אונ מיט דעם קראפט פון זייני רייד ער האט אונ זייא אריינגעגעבען דוא ליבע צוא דער יודישע אמונה. אינצאמום ווייב איז אויך געווען איינע פון דיא וואס האבען געלערינט ביי חנניה דיא יודישע אמונה. זיין הארץ איז אויך געווארען אנגעצונדען צו חנניה'ס רייד אונ ער האט מיט אים פיל פאר בראכט אונ האט זיך ענטשלאסען מגייר צו זיין. אונ דער זעלבי צייט איז געקומען איוד אויך אין דעם קעניגלוכען הויז פון מונבז. אונ האט דאס הארץ פון דיא קעניגין הילני צוא געניינט צום יודישען דת

זיך אַזוי אויס גיבּולדיט אַז זיא קען שוין קומען אין קייזערליכע פּאַלאַצין אונ זיא קען זוצין פאַר דעם מלך עטץ מוזט וויסען אַז זיא איז איין בת מלך אונ דער מלך האָט זיא אַהער גישוקט זיא זאָל לערנין אונ זיך בולדין כדי זיא זאָל קאָנין זוצין צווישין גרויסי לייט אונ פרונצעסונס אַצונד אַז זיא האָט זיך באמת אַזוי אויס גיבולדוט אונ זיא גייט שוין פאַר דעם מלכות דאַרפט עטץ ניט וויינין, נאָר עטץ דאַרפט אייך פרייען אַז אייער גיליבטי שוועסטער קומט צו אַזאַ גרויסקייט האָטשע עס איז נאָך ניט דוא צייט זיא האָט גידאַרפט זוצין מיט אייך אַלדוג דער מלך האָט פון דער ערשטער שעה זיא אַהער גישוקט עמין דאַרפט אָבער וויסין זיא האָט זיך אונ דער קורצער צייט אַזוי פיל שלמות גיקופט וויא פיל איין אַנדערער אונ איין גרויסער צייט אובער דעם דאַרפט עטץ נישט טרויערין אויף איר אונ ניט צוא וויינין:

הַנִמְשָׁל דוא הייליגע נשמה פון דעם מענטש איז איין בת מלך זיא קומט פון זיין הייליגין נאָמין ב"ה וב"ש אהער אויף דער וועלט זיא זאָל זיך משלים זיין מיט תורה ומצות אונ ווען ער איז מתקן אַלדונג איז ער זוכה צוא קומין פאַר זיין הייליגין נאָמין אונ ווער עס איז מתקן אונ דוא יונגי יאָהרין אַלדונג אַזויא נעמט איהם הש"י צוא זיך אונ דוא יונגי יאָרין אובער דעם דאַרף דער מענטש ניט מתרעם צוא זיין אויף השי"ת ער איז גירעכט אונ זייני משפטים זענין גירעכט, הש"י זאָל העלפין מיר זאָלין זוכה זיין צוא טוען מצות ומעשים טובים לשמה אָמן:

מַעֲשֶׂה פון קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאל בְּעֵת דֶער בעש"ט הָאט גִיוָואלְט פָּארֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל:

בְּעֵת דער בעש"ט איז גיפאָרין קיין ארץ ישראל איז ער גיוועזן אונ סטאַמבול פסח מיט זיין טאָכטער אונ מיט ר' הירש סופר נאָר וויל מען האָט אים דאָרטין נאָך ניט גיקאָנט האָט ער גאָר ניט גיהאַט אויף פסח קיין שום זאַך אַז עס איז גיקומין ערב פסח האָט זיין טאָכטער אים גיפרעגט וואָס וועלין מיר טוען אום פסח עס איז ניט דאָ קיין שום זאַך זאָגט ער השי"ת וועט אונז העלפין אונ ער איז גיזעסין אַגאַנצין טאָג אונ ביהמ"ד אונ זיין טאָכטער איז גיוועזן אונ זיין דירה וואָס ער האָט גיהאַט גידונגין אונ סטאַמבול עס איז שוין גיוועזן פאַר נאַכט גאַנץ שפּעט איז גיפאָרין איין יוד פון פּולין אונ פרעגט זיך וויא שטייט דאָ

סיפורי אנשי שם

דה אוצאַטום האָט דער פון גאָר ניט גיוואוסט, דער קעניג מוגבו האָט באַדאַרפט צוא שטאַרבין האָט ער גילאָזט צוואה דאָס אוצאַטום זאָל ירשינין דוא מלוכה וויא ער איז נישטאָרבין זענין גיקומין דוא מוניסטאָרין צוא דער קעניגין אונ האָבין איר גיגעבין איין עצה מען זאָל אַלע פרינצין אום ברענגין כדי אוצאַטום זאָל קענין זיכער זוצין אויף דער קייזערליכע שטול, אַזוי וויא דער

מנהג

דא ר' ישראל פון פולין האט מען אים גיוויזין דיא דירה פון בעש"ט איז ער צוא גיפארין מיט זיין ווייב אונ האט גיפרעגט דעם בעש"ט'ס טאכטער וויא איז דער בעש"ט זאגט זוא אונ ביהמ"ד פרעגט ער איז מיגליך איך זאל דא איין שטיין איך האב אלעס אהן געגרייט אויף פסח נאר איך וויל זיין פסח מיט דעם בעש"ט אונ איינעם האט זיא גיענטפערט איר קענט דא איין שטיין מיין פאטער וועט דרויף ניט קוקין. האט ער באלד גיהייסין אראפ טראגין זיינע זאכין אונ מען האט אהן גיצונדין לכבוד יום טוב אסאך ליכט אונ מען האט גיבעט אשייני העסע בעט אונ דער אורח איז גיגאנגין דאווינין אונ ער איז גיקומין האבין זייא גיווארט אויף דעם בעש"ט ער איז נאך גיוועזן אונ ביהמ"ד ער האט לאנג גידאווינט. אונ דער בעש"ט איז גיקומין שפעט פון ביהמ"ד אונ האט נישט צוא קיינום גירעט אונ ער האט באלד גימאכט קידוש אונ האט זיך גיזעצט צום סדר אזוי וויא עס גיהער צוא זיין אונ ערשט נאך דעם אנדערין בוס האט ער גיגעבין שלום דעם אורח אונ זאגט איך ווייס דיין בקשה דוא האסט ניט קיין קונדער נאר דער פאר וואס דוא האסט מיך אצוגד מתיה גיוועזן שווער איך דיר אז דוא וועסט האבין דאס היינטיגע יאהר איין קונד פון דיין ווייב וואס זוצט דא מיט דיר זאגט דער אורח איך וואלט האלב פאר מעגין אפ גיגעבין דער פאר אונ זייא זענין זייער פריליך גיווארין. אזוי דער הערט דער בעש"ט איין כרוז פון הוממיל אז ר' ישראל בעש"ט האט אהן גיוואהין עולם הבא דער פאר וואס ער האט גישווארין אז ער וועט האבין איין קונד אונ דער מענטש איז גיוועזן איין עקר מטבע אונ זיין ווייב איז גיוועזין איין עקרה נאר וויל ער האט גישווארין וויל מען נישט פון הוממיל אז זיין שבועה זאל בטל ווערין ח"ו מוז מען משנה טבע זיין אונ ער האט אהן גיווארין עוה"ב נוא וואו דער בעש"ט האט דאס דער הערט איז ער גאר ניט אראפ גיפאלין ביא זיך אדרבה ער האט זיך נאך גיפרייט ער האט גיזאגט היינט איז מיר דוא בעסטי צייט צוא דינון השי"ת גאר אהן אשום מיינונג וויא עס שטייט היו כעבדים המשמשין את הרב ע"מ שלא לקבל פרס דאס איז טייטש זייט אזוי וויא דוא קנעכט וואס דינין זייער האר אהן לוין אונ האט גיזאגט צום אורח איך האב ניט גיוויסט אז דוא בוסט איין עקר בטבע נאר פון דעסט וועגין זארג ניט מייני רייד וועלין מיט גאטס הילף מקוים ווערין. אונ דאהורך

סיפורי אנשי שם

מנהג איז ביא דוא ווילדי פעלקער. אבער דוא קענוגין איז שוין גיוועזן צוא פיל בעקאנט מיט דו יודושי גיזעץ האט זיא ניט גיוואלט טוען אזא אבזריות נאר זיא האט דיא פרינצין ארייגיזעצט אונ גיפענגינים כדי זייא זאלין ניט שטערין איר זון אוצאטים דוא כלוכה אהן צוא נעמין אבער איר עלטערין זון טונבז האט זיא דיא פרייהייט גיגעבין אונ זיא האט אום גימאכט פאר דעם שבעל פאר טרעטיר ביז וואנין דער ברודער וועט קומין. אז אוצאטום איז אהיים גיקומין איז ביא אים גיוועזן גירעכונט פאר איין אבזריות וואס דוא מוטער האט זייני ברודער אונ גיפענגינים אריינגיזעצט. אונ האט זייא באלד פרייא ארויס גילאזט אונ האט זייא גישיקט אונ דוא קעניגליכי הייזער דארטין צוא זוצין:

ער האט גיוואלט אונ גאנצין צום יודענטום איבער גיין אונ זיך לאזין

מל

ראדודה וואס דער בעש"ט האט בייא זיך רעכט גימאכט צוא דינין גאט אהן גיצאהלט אונ האט זיך נאך גיפרייט דער פון וואס ער וועט דינין גאט אהן מיינונג האט ער ווידער גיהערט איין כרוז אז מען האט אים צוריק גיקערט אלע זכיות אונ זייא האבין זיך דוא ערשטע טעג פסח זייער גיפרייט אונ לוסטיג גיוועזן דער בעש"ט האט גיזאגט אסאך תורה זייער שייני דעם ערשטען טאג חוה"מ איז גיפארין דער אורח מיט גרוים פרייד אהיים. אונ דער בעש"ט האט דאך גיוואלט פארין קיין ארץ ישראל טאקי דעם ערשטין טאג חוה"מ איז גראד ניט גיוועזן קיין שיף זאגט דער בעש"ט צוא ר' הירש סופר אויב דוא ווילסט וועל איך פאר שפרייטין מיין פארטשיילע אופין ים וועלין מיר קומין גלייך קיין ארץ ישראל גיך אונ באלד נאר דו וועסט אבער מוזין אונ זינגין האבין דעם שם וואס איך וועל דיר מוסר זיין נאר דיא זאלסט ניט אפ לאזין ארגע פון זינגין ווארום וויא דוא פאר געסט איין רגע זענין מיר פאר פאלין נאר איך וויל מיך איין שטעלין פון ארץ ישראל וועגין האט אבער ר' הירש ניט גיוואלט איין שטעלין דעם בעש"ט'ס לעבין אונ זאגט איך וויל ניט מיר מוזין ווארטין ביז עס וועט זיך מאכין איין שיף זענין זייא ווייטער גיגאנגין אופין בארטין זוכין איין שיף אונ האבין גראד גיטראפין אגוטי שיף האבין זייא בייצאלט דעם שיפס קאפיטאן אונ זענין אריין גיגאנגין אלי אונ דער שיף דעם ערשטין טאג חוה"מ פאר נאכט איף מארגין איז גיווארין אגרויסער שטורים ווינט אונ עס האט גיטראגין די שיף פון דעם וועג אראפ זייא האבין גאר ניט גיוויסט וויא אהין זייא גייען מען האט ניט גיקאנט בשום אופן אנקערין. האט דער בעש"ט זייער מתפלל גיוועזן בקיצור עס האט גידויערט צוויא טאג זענין זייא גיקומין צוא אקענפי דער שיפס קאפיטאן האט גיאנקירט די שיף לעבין דער קענפי אונ אלי זענין גיגאנגין שפאצירין דער בעש"ט אונ ר' הירש זענין אבער ווייט פאר גאנגין אונ האבין ניט גיקאנט צוריק טרעפין זייא זענין פאר בלאנזיט גיווארין זאגט דער בעש"ט עס איז ניט אומזיסט עס מוז עפיס זיין אזוי וויא זייא רעדין איז אהן גיפאלין אויף זייא גזלנים אונ האבין זייא גיוואלט אום ברענגין אונ דעם האט זיך אבער פאר גלוסט דיא גזלנים צוא עסין האבין זייא די גיבינדינע אנודער גילייגט אייניס נעבין דעם אנדערין אונ האבין זיך גיזעצט עסין קעגין זייא זאגט ר' הירש צום בעש"ט וואס טוט איר עפיס ניט אזוי וויא איר קאנט איז דען אצונד דיא צייט פון שווייגין ענטפערט אים דער בעש"ט איך ווייס גאר ניט וואס צוא טוהן.

סיפורי אנשי שם

מל זיין נאר דוא מוטער האט איהם דער צוא ניט צוא גילאזט ווייל זיא האט מורא גיהאט דאס דוא פאראנגום זאלען ניט מורד זיין אונ אום אויך זיין לערער חנניה האט אום גיזאגט אז דוא מילה איז ניט דוא הויפט זאך פון דעם יודושקייט ער קען הייסין איוד אפילו אהן מילה. אבער נאכדעם איז דארט גיקומין איין אנדערער יוד פון ארץ ישראל אונ האט גיטראפין דעם קיניג זיצענדיג אונ לערנין אונ תורת משה האט ער גיזאגט צום קיניג עס איז ניט גלייך צוא זיין אום גימאלית דען ניט מיט לערנין דוא תורה אליין איז איוד יוצא זיין שולדיגקייט נאר ער מוז הוטין צוא טוען דוא מצוות וואס שטייען גישריבין אונ דער תורה.

שבחי בעל שם טוב

נוהין מען האט ביא מיר צוא גינומין דאס גאנצי כת פיליבט גידענקסטו נאך עפיס פיי וואס איך האב דיך גילערנט דער גאן מיך האט אים ר' הירש גיענטפורט איך גידענק גאר נישט נאר אל"ף בי"ת גידענק איך זאגט דער בעש"ט וואס שווייגסטו זאג מיט מיר גלייך דעם אל"ף בי"ת האט ר' הירש אהן גיהויבין צוא זאגין א ב ג ד אונ דער בעש"ט זאגט מיט אים מיט גרויס לארום אונ מיט גרויס ברען אונ זאגט דאס זענין דיא הייליגי אותיות וואס הש"י האט מיט זיא גיגעבין דו הייליגי תורה ער האט אזוי לאנג גילארימט ביז וואנין עס האט זיך אים אום גיקערט אלו קרעפטין אונ נאר וואס ער האט גיוואלט צו רייסין די שטריק פון זיך האבין זיא דער הערט א גלאק קלונגין זענין זיך דו גזלנים צו לאפין גיווארין אונ עס איז אהן גיקומין איין אלטער שופס קאפיטאן אונ האט זיא אויף גיבונדין אונ האט זיא ארין גינומין צוא זיך אונ שיף ארין אונ האט זיא אפ גיפירט קיין סטאמבול דערמולט האבין זיא גיזעהן בחוש אז מען לאזט אים ניט פון הוסמיל פארין קיין ארץ ישראל האבין זיא זיך אום גיקערט צוריק אהיים זיין זכות זאל אויף אונז מגין זיין:

מעשה אמאל איז אויס גיקומין דער בעש"ט האט ניט גיהאט קיין מצות אויף פסח האט ער איין גישפאנט זיין פערד אונ וואגין אונ איז גיפארין אויף די דערפער אונ האט גיבראכט מעל אויף פסח אדער מען האט ארויס גינומין דאס מעל פון דעם וואגין איז גיגאנגין פלוצלונג איין גרויסער רעגין אונ דאס מעל איז חמיצ'דיק גיווארין איז ער גיפארין אויף יענער זייט דערפער אונ האט ווידער באקומין מעל אויף פסח אונ ער איז צוריק גיפארין ער איז גיקומין אונטער א גרויסין בארג דאס פערדיל קאן ניט שלעפין אויף דעם בארג האט ער גימיזט אליין אויך שלעפין דעם וואגין מיט דעם פערדיל אז ער איז גיקומין אונ מיטין בארג איז דאס פערדיל גאר גיפיינערט האט ער שוין גימוזט אליין שלעפין דעם וואגין מיטין מעל ווארום ער האט ניט גיקאנט אוועק ווארפין פסח'דיק מעל אהן איין שמירה וויא ווייט ער האט גיקאנט שלעפין האט ער גישלעפט דער נאך איז ער מוד גיווארין אונ איז גיבליבין שטיין ביא דעם וואגין אונ האט אהן גיהויבין צוא וויינין פאר הש"י אונ איז אנטשלאפין גיווארין איז אליהו הנביא זכור לטוב צוא אים בחלום גיקומין

סיפורי אנשי שם

דער קעניג האט זיך מער ניט גיקאנט איינהאלטין אונ האט זיך גילאזט פון דעם יוד טל זיין. קעניגער האט דער פון ניט גיוואוסט נאר דער נאך אז אלע מיניסטארין האבין אנגינומין דוא יודישי אמונה האבין פיהל שרים גישיקט צוא דעם אראבישין קעניג אז ער זאל קומין מלחמה האלטין מיט זייער קעניג אוצאטוס אונ זיא ווילין אים העלפין. אבער גאט האט אים גיהאלפין אונ ער האט איינגינומין אלע זייני פיינד:

דוא קעניגין הילני האט חשק גיהאט אויף דער עלטער צוא פאהרין קיין ירושלים זיא האט מיט גינומין איהר זוהן מונבז אונ אוצאטוס האט מיט גישיקט זייני פינף זוהן זיא זאלין לערנין תורה אונ ירושלים. איר קומין אונ ירושלים איז גיווען איין גליק פאר דוא יודין דען דאמאלס איז גיוועזן א גרויסער הונגער אונ ירושלים האט זיא אויף גיקויפט תבואה אונ אלכסנדריה אונ פייגין אויף דעם אינזל ציפערין אונ האט גיטיילט דוא ארימע

גיקומין אונ האט אים גיזאגט מען האט גיזעהן דיינו טרערין איך וועל דיר שיקין אזעלוכין ער וועט דיר ברענגין אהיים דיין מעל אונ וועסט שוין ניט זיין איין עני ער האט זיך אויף גיהאפט איז גיקומין א געצונדינער מיט פערד אונ וואגין אונ האט גיזאגט צוא אים כונד צו דיין וואגין צוא מיין וואגין איך וועל דיך פירין אהיים האט דער בעש"ט גיגעבין איין זעקעל דעם געצונדינער אונ האט אים אפ גישנוטין די פעל פון דעם פערד האט ער פאר קויפט די פעל פאר פיר גולדין דער נאך זענין גיקומין געצונדינער אונ האבין גיבראכט צום ווייב מארדור פאר קויפין איז זיא גיגאנגין צום מאן פרעגין אויב זיא זאל קופין האט ער גיהייסין קופין ער האט גיזאגט זייא זענין הפקר מען וועט זייא אלי הארגונין האט זיא גיקויפט פאר די פיר גולדין אונ פאר קויפט אונ האט גיווינין געלד אונ האט זיך גיקויפט א מלבוש אונ דעם ווייב אקלייד אוף יו"ט אונ אז דער מוכסין וואס דער בעש"ט איז בייא אים גיוועזן אשענקור האט גיזעהן אז זייא האבין זיך באקלייד האט ער גוטראכט בוודאי מוז ער פירין בראנד ווין האט ער גיקלאגט פאר זיין שוואגער ר' גרשון אונ האט אים גיזאגט איך לייג אויף א־ך כבוד אבער איר זאלט וויסין אז ער וועט ניט מודה זיין וועל אים לאזין שמייסין

אונ הויף בייס פארוץ האט ר' גרשון גיזאגט איך וועל אים פארשטין אז דער בעש"ט איז גיקומין אונ שטאט אריין צו ר' גרשון האט ער אים גיזאגט דו זאך זאגט ער עס איז גאר לוגינט פרעגט אים ר' גרשון פון וואנין דען האסטו גיהאט צוא קויפין זאגט דער בעש"ט גאט האט מיר גיגעבין זאגט ר' גרשון פאר וואס גיט ער מיר ניט ענטפערט אים דער בעש"ט מיר וויל ער געבין אונ דיר ניט זאגט ר' גרשון צוא אים וועסט זעהן אז דער מוכסין וועט דיך לאזין שמייסין זאגט ער איך האב פאר אים ניט קיין מורה דער סוף איז גיוועזן דער מוכסין האט גיוואלט גיין אין הויף אריין קלאגין דער ווייל איז דער מוכסין גישטארבין:

אמאל איז דעם בעש"ט גיגאנבית גיווארין אפערד פון דעם דארף וויא ער האט גיוואנט האט אים ר' גרשון גישטראפט אונ האט גיזאגט איבער דיינו שלעכטו מעשים שטראפט דיך גאט האט זיך דער בעש"ט פלוצלונג אוים גירעט דאס מוז כען מיר אפ ברענגין אהיים האט ר' גרשון גילאכט פון אים אונ האט גיזאגט ווארט אזוי לאנג ביז מען וועט דיר אפ ברענגין דאס פערד עס האט גיווערט איין ערך פון א יאהר איז דאס פערד ניט גיוועזן ווען דער בעש"ט איז גיקומין אונ שטאט אריין פליעגט ר' גרשון

סיפורי אנשי שם

ארוכי לייט אויך האט זיא גישענקט אונ דעם ביהמ"ק איין גולדינים לייכטער אונ אנגאלדעני טאפול וואס דוא פרשה סוטה איז דרויף גישרובין אויך איהר זוהן מונבז האט גיגעבין דוא גאלדיני העגטליך צוא דוא כלים. ווען ער איז גיווארין קעניג נאך זיין ברודערס טויט האט ער צוא ביילט אלע אוצרות פאר דוא ארומי לייט האבין דוא מיניסטארין צוא אום גיזאגט דייני עלטערין האבין גיזאמילט אוצרות אונ דוא צוא טיילסט זייא האט ער זייא גיענפערט מייני עלטערין האבין גיזאמולט אוצרות אונטין איך זאמיל אוצרות אובין. מייני עלטערין האבין גיזאמולט אוצרות אין איין ארט וויא דוא האנד קען צוא קומין איך זאמול אוצרות וויא דוא האנד קען

גרשון שפעטין פון אים און פלייט אים פרעגין האט מען דיר שוין אפ גיבראכט דאס פערד לכיף איז גיקומין אגעצונ=דינער און האט אקלאפ גיגעבין און פענצטער מען זאל אים געבין פייער דוא לולקי פאר רייכערין איז דער בעש"ט ארויס גיגאנגין און דער קענט דאס פערד איז תיכף דער געצונ=דינער אוועק און דאס פערד איז גיבליבין ביים דעם בעש"ט:

הרב ר' דוד מקלייבער איז גיפארין נאך חנוכה געלד און האט פאר בלאנזוט צו דעם דארף וויא הרב ר' ישראל איז גיזעסין איז גיקומין און שטיב ארײן און האט גיפרעגט זיין ווייב וויא איז דיין מאן דאט זיא גיזאגט ער איז ביים רונדאר און העלפט אהן טרונקין בהמות אבער ער איז גיזעסין און זיין התבודדת שטיבול האט ר' דוד גיזאגט וואס וועל איך דא עסין האט זיא גיזאגט עס איז דא איין עוף וואס מיין מאן האט גיקוילט זעהט דעם הלף איבר ער וועט אייך גיפעלין וועל איך אייך קאבין האט ער גיזעהן דעם הלף איז אים גוט גיפעלין און האט גיהייסין קאבין דיא צדיקות איז גיגאנגין און האט מודיע גיווען איר מאן הרב ר' ישראל איז ער גיקומין אהיים און האט זיך גימאכט גלייך וויא ער קומט פון דעם מכסין און האט אים משמש גיווען וויא דער סדר איז פון אמגיד אדער א רבי און האט אים אליין גישטעלט וואסער און א כלי צו וואשין זיך און ער אליין האט זיך גילייגט שלאפין און ביא דער נאכט איז דער בעש"ט אויף גישטאנין ווארום ער פלעגט ניט שלאפין נאר צוויא שעה און האט זיך גיזעצט אונטערין אויבין און האט עוסק גיווען און דעם וואס ער פלעגט שטענדיג עוסק זיין אז ר' דוד האט זיך אויף גיכאפט האט ער גיזעהן אונטערין אויבין אגרויס ליכטיקייט האט ער אויף גיוועקט דעם בעש"ט'ס ווייב און האט גישריגין חנה עס ברענט אונטערין אויבין זאגט זיא צו אים איידער איך וועל אהן טוהן דעם שלייער און דאס קלייד וועט זייער פלאקערין גייט זייט מוחל אליין מיט וואסער וועט איר פאר לעשין וויא ער איז גיקומין צו אונטערין אויבין האט ער גיזעהן דעם ר' ישראל בעש"ט זיצט אונטערין אויבין און עס שיינט א ליכט איז ער זייער דער שראקין גיווארין און איז חלשות גיבליבין האט זיא גימוזט איר מאן דעם בעש"ט מבלבל זיין פון זיין דביקות ער זאל מונטערין הרב ר' דוד האט און דער פריא גיזאגט צו ר' ישראל איך האב גיזעהן ביא נאכט אגרויס ליכטיקייט איבער דיין קאפ וואס בטייט עס האט דער בעש"ט גיענטפערט אפשר וואס איך האב תהלים ערונצט גיזאגט אפשר האב איך מיך מדבק גיווען און הש"י האט ר' דוד אויף אים גוזר גיווען האט ער זיך מגלה גיווען פון דעמאלט אהן פלעגט

סיפורי אנשי שם

קען ניט צוא קומין. מייני עלטערין האבין גיזאמולט אוצרות וואס טראגין נים קיין פרוכט און איך זאמיל אוצרות וואס טראגין יא פרוכט. מייני עלטערין האבין גיזאמולט פאר דער וועלט און איך זאמיל פאר עולם הבא:

הילני המלכה איז צוריק גיקערט נאך איהר לאנד אין זיא האט זייער לאנג גילעבט דען אוצאטוס איהר יונגסטיר זוהן איז אלט גיוועזן אז ער איז גישטארבין פינף און זיבציג יאהר און זיא האט נאך דאמאלס גילעבט. אז זיא איז גישטארבין

פלעגט ר' דוד אופט פארין צום בעש"ט הערין פון אים דברי תורה אונ ר' דוד פלעגט אמאל זאגין דיא תורה האט ער געענטפערט איך האב געהערט פון איין עני ואביון עס איז פאר האנדין אזוי איין עני אונ פון דענסטמאל אן אז ר' דוד האט געהערט אז ר' גרשון שטראפט לר' ישראל פלעגט ער זאגין צו ר' גרשון אונ גילעכטער לאז אים צו רוה ער איז מיין חכם וויא דיא מיין האט ער ניט געזאגט ווארום דער בעש"ט האט אויף אים גוזר געוועזן אז ער זאל ניט מגלה זיין צו קיינים:

אונ מעזבוז איז געוועזן איין עושר וואס האט ניט געהאלטין מיט דעם בעש"ט אונ בייא אים איז געוועזן אמלמד ער איז געוועזן אמופלג בתורה אונ איז געוועזן איין איש חשוב ער איז געוועזן ביים בעל הבית חשוב אונ דער בעש"ט האט אים זייער געוואלט מקרב זיין צו זיך ווארום ער איז געוועזן א כלי וואס האט געקענט מקבל זיין נאר דער בעש"ט האט זיך גיטראכט וויא אזוי עס זאל אויס קומין ער זאל זיך צוהין צו אים אמאל האט זיך אים געחלומת אים פרייטוג צו נאכט ער גייט שפאצירין אונ שטאט אונ האט געזעהן איין פאלאץ זייער אשיינים מיט גרויסע חידושים וואס גאר ניט געמאלט צו שרייבין וואס ער האט מיין געקוקט אויף דעם פאלאץ האט ער זיך ניט געקאנט זאט אהן קוקין האט ער זיך מיישב געוועזן וואס קאן שוין זיין אונוויינוג אינ פאלין אונ האט זיך געשטעלט ביים פענצטער אונ האט אריין געקוקט האט ער געזעהן אז דער בעש"ט מיט זייני לייט זיצין ארום טיש אונ דער בעש"ט זאגט תורה האט ער זייער געפלאטערט אריין צו גיין אונוויינוג וויא ער איז געקומין צוא דער טיר האט אים א משרת א שטופ געטאהן אונ האט אים ניט אריין געלאזט ווייל ער האט זייער חשק געהאט צו הערין איז ער געקומין צום פענצטער האט ער געהערט דיא חידושים וואס דער בעש"ט זאגט תורה האט ער זיך אויף געכאפט האט ער גידענקט גאר דיא תורה וואס ער האט געהערט איז זייער זיס געוועזן וויא האניג אונ עטליכע מאל איבר געחזרת דער נאך איז ער ווידער אנטשלאפין געווארין אונ האט פאר געסין דיא תורה גאר

סיפורי אנשי שם

נישטארבין האט דער קיניג מונבז געשוקט אירי ביינער אונ דוא ביינער פון זיין ברודער אונצאטום אז מען זאל זייא קובר זיין אין ארץ ישראל אונ דעם קבר וואס זיא האט פאר זיך גיגראבין אבצעהן הונדערט פיס וייט פון ירושלים:

〰〰〰

בעשׂרייבונג פון רבי יהודה הנשׂיא אדער רבי אדער רבינו הקדוש:

ר' יהודה הנשיא דער מחבר פון משניות איז געוועזן איינער פון די גרעסטע שטערין וואס לייכטין אויף דעם יודישן הימול דוא חכמים האבין אויף אום געזאגט אז פון משה רבינו ביז רבי איז ניט געוועזן תורה אונ גדולה אויף איין ארט ער איז זייער רייך געוועזן ביז עס איז געוועזן אשפריך ווארט אז דער שטאל מייסטער פון רבי איז געוועזן רייכער פון דעם מלך פרס זיין פאטער ר' שמעון בן גמליאל דער צווייטער איז געוועזן אנשיא פון דוא סנהדרין אונ בשעת רבי איז געבארין געווארין זענין דוא יודין זייער אומגליקליך געוועזן שרעקליכי גזירות האט דוא רומישי הערשאפט באפולין אויף די יודין

נאר דעם חלום האט ער גידענק איז ער גאר צו מישט גיווארן ער האט נאר ניט גיקאנט דאוינן שחרית ׃׃ אין גיזעסן זייער טרויריג האט דער בע"ה אים גיפרעגט וואס ווצט איר אזוי טרויריג האט זיך אייך גיחלומ'ט לאזט אייך מטיב ח"ים זיין אונ ער האט גאר ניט גיענטפערט האט ער גיוואלט אליין גיין צום בעש"ט נאר וויל ער האט גיזעהן אונ חלום מען האט אים מדחה גיוועזן דרום איז ער ניט גיגאנגן עס איז גיקומן צום שלש סעודות האט דער בעש"ט גיהייסן רופין דעם מלמד איך שלש סעודות וויא דער שליח האט גיעפונט דיא טיר אונ האט גיזאגט דער בעש"ט רופט אים האט ער תיכף אשפרונג גיטאהן איבער דעם טיש אונ איז גילאפין וויא איין משוגענער אהין דעם טילוק צום בעש"ט האט דער בעש"ט גיזאגט דיא אייגיני תורה וואס אים האט זיך גיחלומת דער מלמד האט זיך ממש דער קוויקט האט דער בעש"ט גיזאגט צום מלמד וואס איז דיר אזוי אהידוש וואלט עס גיוועזן איין נייע זאך יוואלסטו דיך גיקערט תידושין אבער אז דיא האסט שוין גיהערט וואס איז אהידוש וויא דער מלמד האט גיהערט האט ער גיזאגט אז דער בעש"ט האט איין רוח הקודש האט זיך דער מלמד מדבק גיוועזן צום בעש"ט אונ איז גיווארן איין גרויסער צדיק׃

איין ווינדערליכע מעשה פון ר' ליב שרה'ס זצ"ל׃

אונ מאסקווא איז גיוועזן איין ווייביל זיא איז גיוועזן אגרויסי עשירות זיא האט פאר מאגט צוויא מאל הונדערט טויזנט רענדליך אונ צוא דעם געלד האט זיא גיהאט איר אייגיני גיוועלבין אונ זיא איז גיוועזן אגרויסי סוחר'טי היינו זיא האט גיהאלטין סחורה אונ זיא האט גיפירט גרויסי גישעפטין אונ איר מאן איז בייא איר גישטארבין׃

בקיצור דאס ווייביל איז קראנק גיווארין אונ זיא איז אליי מאל שלאפער גיווארין פיז וואגין דוא דאקטורים האבין זיא מיאש גיוועזן׃

בקיצור זיא איז פון דעם גיוואר גיווארין אז דיא דאקטורים זענין זיא מיאש אונ זיא האט אליין אונ זיך גישפירט אז זיא איז זייער שלאף אונ זיא איז מסוכן אזויא האט זיך גיטראפין אז דער רבי ר' ליב שרה'ס איז גראד דארט גיוועזן. וויא זיא איז גיוואר גיווארין אז דער רבי ר' ליב שרה'ס איז דא אונ שטאט אזויא האט זיא צוא אים גישיקט ואגין

סיפורי אנשי שם

יודין זייא זאלין ניט האלטין דוא תורה ניט היטין שבת אונ ניט מל זיין דוא קינדער אבער דער נשיא ר' שמעון האט דרויף ניט גיקוקט האט מפקיר גיוועזן זיין לעבין וועגין דער הייליגי מצוה אונ האט זיין זוהן מל גיוועזן דוא זאך איז באלד גיוואר גיווארין דער רעמישער גיבערנאטאר האט ער תפוס גינומין דעם נשיא מיט זיין ווייב מיט דעם גיבארינים קינד אונ האט זייא גיבראכט

זאָגין אַז זיא גיט אום אַוועק אַהאַלב פּאַר מעגין אַז ער זאָל זיא גיזונד מאַכין אַזוי האָט גיפרעגט דער רבי ר' ליב שרה'ס וויא פיל פּאַר מאָגט זיא וואָס זיא וויל דוא העלפט פּאַר מעגין אַוועק געבין וואָרום דער רבי האָט גימיינט אַז זיא מוז פּאַר מאָגין אַ הונדערט אוידער צוויא הונדערט רענדליך אַזויא האָט מען גיזאָגט צום רבי ר' ליב שרה'ס אַז זיא פּאַר מאָגט אַצוויא מאָל הונדערט טויזונד רענדליך אַחוץ היַיזער אונ גיוועלבין וויא דער רבי ר' ליב שרה'ס האָט דאָס דער הערט אַזוי איין אשה זאָל וועלין אַזויא פיל אַוועק געבין נוא האָט דער רבי ר' ליב שרה'ס זיך אָנגירופין צום עולם נוא אַז עס איז יאָ אַזויא היינו זיא וועט אַזויא פיל געלד שענקין אַזויא וועל איך זיא מאַכין גיזונד איך וועל ביַיא איהר ניט פּאַר לאַנגין איין פרוטה נאָר אָבער בזה האופן היינו וועלכין מענטש ער וועט איהר הייסין נעמין פּאַר איין מאַן ער זאָל אַפילו זיין אַבלונדער אָדער איין שטומער אָדער איין אַנדירי קאַליקי. אָדער איין אָרומאַן אַזוי זאָל זיא ניט אָפּ זאָגין אונ זאָל תיכף מיט אום חתונה האָבין:

נוא בקיצור דער רבי האָט מאַכי אַזוי צוא איר באַפולין אַזוי וויא אויבין שטייט נוא בקיצור יויא דאָס ווייביל האָט דאָס דער הערט דאָס באַפעל פון דעם רבי ר' ליב שרה'ס אַזוי האָט דאָס ווייביל צוריק באַפוילין צום רבי ר' ליב שרה'ס היינו אָן אַלומין וועמין דער רבי וועט הייסין נעמין פּאַר אַמאַן אַזוי וועט זיא פאָלגין ובפרט ער וועט זיא מאַכין אוים טוט לעבעדיג איז אַפראַגי אַז זיא וועט פאָלגין.

בקיצור דער רבי ר' ליב שרה'ס איז גיפאָרין צוא דעם הויז וויא דאָס ווייביל איז דאָרטין גילעגין אונ ער איז דאָרטין גיזעסין עטליכי טאָג:

בקיצור דאָס ווייביל האָט שוין אָנגיהויבין צוא זיך צו קומין ביז וואַנין זיא איז שוין גיזונד גיוועזין אַזוי וויא אַלי גיזונטי מענטשין:

בקיצור איידער דער רבי ר' ליב שרה'ס איז פון איר אַוועק גיפאָרין אַזוי האָט דער רבי ר' ליב שרה'ס צוא איר גיזאָגט וויא אַזוי ווערטו קענין וויסין וועלכין חתן איך הייס דיך ניט נעמין וואָרום וויא דער רבי ר' ליב שרה'ס איז גיזעסין היינו אונ אַלטושק איז זייער גיוועזין וויַיט ביז קיין מאָסקוואַ אַזוי האָט איר דער רבי גיגעבין איין שפּיגיל פּאַר אַסימן היינו אַז מען וועט איר רעדין אַשידוך אַזוי זאָל דער חתן איר געבין אויף גישריבין זיין נאָמין מיט זיין פאָטערס נאָמין אונ זיא זאָל גיין אונ איהר באַזונדער הדר אַריין אונ זאָל זיך קודם שיין אום צורין אונ זאָל נעמין דעם שפּיגעל וואָס דער רבי

סיפורי אנשי שם

גיבראַכט קיין רוים דער קיסר אַליין זאָל זאָגין זיין משפט אויף אום וויַיל ער גובערנער האָט ניט גיהאַט קיין מאַכט אַשטראָף צוא זאָגין אויף אַזאַ גרויסין מאַן וויא ר' שמעון. דאָס ווייב פון דעם נשיא איז באַקאַנט גיוועזן מיט דער קייזערין זיא איז צוא איר גיקומין האָט איר דער צייַלט דאָס אומגליק איז איר גיפאַלין צוא דוא פיס מיט טרערין אונ וויינין אַז זיא זאָל אויף איר רחמנות האָבין אונ זאָל איר העלפין אין איר נויט. דוא קייזערין האָט גיהאַט מיט איר מיטלייד אונ האָט איר צוא גיזאָגט צוא העלפין. דוא קייזערין האָט אונ דער זעלביר צייט אויך גיבאָרין אַזוהן ווען רבי איז גיבאָרין גיוואָרין האָט דוא קייזערין גיזאָגט צוא איהר

דבי ר' ליב שרה'ס האט איר איבער גילאָזט אונ זיא זאָל אַרײַן קוקין אונ דעם שפּיגיל אַרײַן אונ אַז זיא װעט אונ שפּיגיל דער זעהן דיא צורה פון ר' ליב שרה'ס זאָל זיא דעם דאָזיגין חתן נעמין פאַר אַמאַן ובאם זיא װעט ניט דער זעהן אונ שפּיגול דיא צורה אַזױ זאָל זיא דעם חתן אָפּ זאָגין הײנו זיא זאָל זאָגין ער געפעלט איר ניט אונ זיא זאָל פאַר קײנים ניט מגלה זײַן דעם סימן אונ ר' ליב שרה'ס האָט זיך מיט איהר געזעגנט אונ זיא האָט אים געבעטין אַז דער רבי זאָל פון איר אמתנה צו נעמין נאָר דער רבי האָט ניט געװאָלט נעמין בײַא איר נאָר דער רבי האָט צו איר געזאָגט דאָס װעט זײַן בײַא מיר אַמתנה אַז דיא װעסט מיך פאָלגין אונ דיא װעסט נעמין דעם דאָזיגין מאַן װאָס איך װעל מרוצה זײַן אױף אים אַזױ װיא איך האָב דיר דעם סימן איבער גילאָזט:

בקיצור דער רבי הנ"ל איז אַװעק געפאָרין אונ מען האָט אָנגיהױבין צוא רעדין אונ פאַר צוא שלאָגין דעם װײַבּיל זײַער גרױסע שידוכים הײנו מיט גרױסע גבירים אױך פון גרױסע רבנים זײַערע קונדער אונ װיא באַלד זיא האָט געהײסין ברענגין דעם התן װאָס מ"ן רעט איר בבדי זיא זאָל זעהן אונ שפּיגעל אױב דער רבי ר' ליב שרה'ס איז מרוצה אױף דעם חתן אונ װיא באַלד דער חתן איז געקומין אונ דאָס װײַבּיל האָט אַרײַן געקוקט אין שפּיגול אַרײַן אונ האָט דאָרטין ניט דער זעהן דיא צורה' פון ר' ליב שרה'ס אַזױ האָט זיא דעם חתן אָפּ געזאָגט זיא האָט געזאָגט איר הארץ באַשטײַט איר ניט דער צוא אַז זיא זאָל נעמין דעם חתן אונ זיא האָט אָבער קײנים ניט געװאָלט זאָגין פאַר װאָס:

בקיצור דיא שדכנים האָבין זיך כמה פעמים אַלץ בחנם באַמיהט אַזױ האָבין זײַא שױן מער ניט געװאָלט זיכען פון אירט װעגין שידוכים. נוא לאָזין מיר זיא דער װײַל לאָזין פירין איר האַנדיל אונ מיר װעלין אָהן הײבין װײַטער פון רבי ר' ליב שרה'ס צו דער צײַלין

סיפורי אנשי שם

איר. נעם מײַן קונד מיט דיר אונ דײַן קונד לאָז בײַא מיר אַז דוא װעסט גירופין װערין פאַר דעם קײסער מיט דעם קונד צוא אונטער זוכין אױב ער איז גימאַלוט װעט דער קיסער זעהן דאָס מען האָט אױף דיר נאָר אַבילבול גימאַכט זוא האָט אַזױא גיטוען אױף מאָרגין האָט דער גובערנער גיבראַכט דעם נשיא מיט זײַן װײַב מיט דעם קונד פאַר דעם קיסער אונ האָט געזאָגט אַז דער נשיא האָט עובר געװעזין דעם באַפעל פון דעם קעניג אונ האָט מל געװעזן זײַן זוהן דער קיסער האָט געהײסין מען זאָל תיכף אונטער זוכין דאָס קונד אָבער מען האָט געזעהן אַז דאָס קונד איז ניט גימאַלוט דער קיסר האָט שטאַרק געצערנט אױף דעם גובערנער אונ האָט צוא איהם געזאָגט איך האָב דאָך נאָר אַגזירה גיגעבין אױף דוא גימאַלוטי צו װאָס האָסטו מיר גיבראַכט ניט גימאַלוטי. דער קיסער האָט געהײסין דעם גובערנער באַשטראָפין אונ דעם נשיא האָט מען געשוקט בשלום אַהײם אונ פון דער צײַט איז בטל געװאָרין דוא גזירה אונ מען האָט ערלױבט מל צוא זײַן דוא קונדער:

און דער יוגנד האָט ער זיך געצײַגט דאָס ער װעט זײַן אַגרױסער שטערין צוא די יודין ער האָט ניט געלערנט בײַא

אַזן

ציילין היינו עס איז געוועזן איין מקורב צום רבי ר' ליב שרה'ס ער איז געוועזן אגרויסער עושר ער פלעגט צו פארין צוא ר' ליב שרה'ס כמעט אלע פיר וואכין גם פלעגט דער מקורב ארויס צו נעמין דעם רבי ר' ליב שרה'ס אלע האלבע יאהר צוא זיך אהיים הכלל ער פלעגט דעם רבי איבער געבין אסאך געלד אונ אויך פלעגט ער דעם רבי צו שוקין מתנות:

בקיצור דער מקורב איז אפ געברענט געווארין פון אלעם היינו דיא גראלנו מיט יי"ש מיט דער שטאל אקסין הכלל ער איז נאך געבליבין א בעל חוב אונ דאס ווייב מיט דיא קינדער זענין בייא אים אויס געשטארבין בקיצור ער האט אנגעהויבין צו גיין אין דיא דייוגר צו בעטין אשטיקעל ברויט קורץ אונ צווייא אדער דרייא יאהר נאך זיין אראפ גיין אזוי האט ער שוין גיהאט אפנים וויא אלע ארומע לייט היינו ער איז שוין גיגאנגין נאקיטי אונ בארוויס. בקיצור דער ארומאן האט זיך מיישב גיוועזן באשר ער פלעגט צום רבי ר' ליב שרה'ס אזוי פיל געלד איבער געבין אזוי וועט ער זיך לאזין צוא דער שטאט וויא דער רבי ר' ליב שרה'ס וואהנט דארטין טאמער וועט אים דער רבי עפיס העלפין בקיצור דער ארומאן איז גיגאנגין ביז וואנין ער איז גיקומין אונ דער שטאט אריין וויא ר' ליב שרה'ס איז גיוועזן דער מנהג פון דעם ר' ליב איז גיוועזן אז דער גבאי פלעגט יעדין ארומאן אלע טאג צוא געבין אנדבה אזוי איז גיגאנגין דער ארומאן וואס ער איז גיוועזן ר' ליב שרה'ס מקורב אונ האט זיך אויך אנידער גישטעלט צווישין דיא ארימע לייט אונ זאגט צוא דיא אנדערי ארימע לייט איר וועט זעהן אז מיר וועט דער גבאי געבין אפערציגער איין נדבה ניט אזוי וויא מען גיט אייך צוא צעהן גרייצער אזוי רופין זיך אהן דיא ארימע לייט צוא אים וואס זענט איר אזוי א שיינער יוד וואס מען זאל אייך מער געבין וויא אונז מיר זענין אויך אזעלכי שיינע יודין אזוי וויא איר:

בקיצור דער גבאי קומט צוא אים אונ וויל אים געבין איין נדבה צעהן גרייצער אונ ער וויל ניט נעמין

סיפורי אנשי שם

איין רבי נאר ער האט דורך גיוואנדירט אלע ישיבות פון דיא גרויסי תנאים כדי איין צו זאמלין אלי הלכות אונ דינים וואס ער האט גיהערט אין יעדער ישיבה באזונדער אז ער איז אלט גיווארין פינף אונ צוואנציג יאהר איז ער גיווארין אנשיא בייא די סנהדרין אונ אפירשט בייא יודין ער האט אויך זיין נשיאות שטרענג גיפירט:

מיט דעם רוימישין קייסער אנטאנינוס איז רבי גיוועזן בעפריינדיט אזוי וויא צווייא ברודער זייא האבין ביידי צוזאמין גילערנט תורה דאמאלס איז דער קייזער גיזעסין אלאנגי צייט אונ ארץ ישראל עס איז גיוועזן אהייל אונ דער ערד פון דעם קייזערס הויז צוא דעם הויז פון דעם נשיא אונ דער קייזער פלעגט קומין צוא אום דורך דער הייל אונ פלעגין זיצין אונ לערנין. ער האט צוא אום גיזאגט אז ער וועט האבין עולם הבא. איינמאל האט דער קייזער אום גיפרעגט אויב עס איז גוט פאר אמענש ער זאל מתפלל זיין צו גאט אגאנצין טאג האט רבי גיזאגט אז דער מענטש איז מתפלל אהן אויף הערונג קען דורך דעם ווערין דער כבוד פון גאט ערנידריגט

דוא

נעמען בייא איהם אזוי רופט זיך אהן דער גבאי וויא פיל דען הילט איהר איין נדבה מען זאל אייך געבין אזוי זאגט דער ארימאן איין פערציגער וויל איך אזוי האט זיך דער גבאי אויף איהם אויף גיבייזערט אונ זאגט צוא איהם פאר וואס זענט איהר דען מעהר בעל מיוחס פון אלע ארימע לייט זייא זענין אייך אזעלכי שיינע יידין אזוי וויא איהר בקיצור ער האט פארט אנדערש ניט גיוואלט נאר איין פערציגער :

דער גבאי איז אוועק גיגאנגין פון איהם אונ האט איהם גאר ניט גיגעבין נאך דעם איז גיוועזין דער גבאי בייא רבי ר' ליב שרה'ס אונ האט איהם דער צייהלט עפיס איין ארימאן איז דא צווישין דיא ארימע לייט אזוי האב איך איהם אויך גיוואלט געבין צעהן גריינצער אזוי וויא איך גיב אלע ארימע לייט אזוי האט ער ניט גיוואלט צו נעמין נאר ער וויל איין פערציגער דעם אנדערין טאג האט מען דעם ארימאן גיגעבין איין פערציגער אונ וויא עס איז גיקומין דעם דריטען טאג אזוי האט ער ניט גיוואלט צוא נעמין. אזוי האט איהם דער גבאי גיפרעגט וואס דען ווילט איהר אזוי זאגט דער ארימאן איך וויל איהר זאלט מיך אריין לאזין צום רבי איז גיגאנגין דער גבאי אונ האט גימעלדט צום רבי אז דער ארימאן פאר לאנגט אז מען זאל איהם אריין לאזין צו אייך אזוי האט דער רבי ניהייסין אז מען זאל דעם ארימאן אריין לאזין אונ וויא דער ארימאן איז אריינגיקומין אונ שטוב אריין צום רבי אזוי רופט זיך אהן דער ארימאן רבי דער קענט איהר מיך אזויא רופט זיך אהן דער רבי ניין איך קען אייך גאר ניט אונ איבער דעם האט איהם דער רבי ניט דער קענט ווייל בשעת אז ער פלעגט פארין צום רבי איז ער גיגאנגין שיין אנגיטאהן אונ האט שיין גיגעסין אונ גיטרונקין אזוי האט ער גיהאט אשיין פנים אבער בעת אז ער גייט אפ גירוסין אונ איז צוא פרידין אז ער באקומט טרוקין ברויט :

בקיצור באקומט מען פון דעם אנגיקארטשיט פנים אונ איין שווארץ פנים איבער דעם האט ער איהם ניט גיקאנט דער קענין אזוי רופט זיך אהן דער ארימאן איך בין וואס איך בין גיהאט גיוועסין אונ דער שטאט אונ פלעג אייך אלע מאל צו שוקין געלד אונ איך האב בייא אייך כמה שבתים גיהאלטין אונ איהר האט בייא מיר אסאך מאל שבת גיהאלטין אונ איך היים מיט מיין נאמין אזוי אונ אזוי. וויא דער ארימאן האט איהם דער צייהלט אז זיין ווייב אונ קינדער זענין אויס גישטארבין אזוי האט צוא איהם דער רבי ר' ליב שרה'ס גיזאגט נייא קען מאסקווא דארטין איז

איז

סיפורי אנשי שם

דוא תשובה איז איהם ניט גיפעלין. אויף מארגין פרי איז ער אריינגיקומין צום קייזער אונ האט אום דעם מארגין גרוס אפ גיגעבין מיט דעם טיטול העך פון אלי הערר'ן. אונ איין שעה ארום האט ער אום ווייטער אפ גיגעבין דעם מארגין גרוס מיט דעם טיטול קיניג פון אלי קעניגין אונ אשעה ארום האט ער אום ווידער דעם גרוס אפ גיגעבין מיט איין אנדירין טיטול. האט דער קייזער צוא אום גיזאגט וואס מאכסטו הוזק פון מיר. האט דער נשיא אום גיענטפערט יעצט זעהסטו אז איך האב רעכט מען דארף ניט צוא אפט אונ הילוכבהום אריינקומין ;

איינמאל האט דער קייזער גישריבין אבריף פון רום צוא רבי

אז

איז דאָ אַ ווייבּיל צו גרויסע עשירות און שדכן דיך צוא דעם דאָזיגן ווייבּיל און איך זאָג דיר צוא אַז זיא וועט דיך זיכער נעמין פאַר אַ מאַן :

בקיצור

בקיצור דער רבי האָט אים נאָך מיט גיגעבּין אַפּאָר רענדליך אויף דער הוצאה און האָט אים גיזאָגט דיא רענדליך וועסט דיא האָבּין אויב עס וועט זיך דיר טרעפין אַפּיהר און וויא עס וועט זיך דיר ניט טרעפין קיין פיהר אַזוי זאָלסט דיא גיין צוא פּיס בּכדי דיא זאָלסט דיך לאָזין קיין מאָסקוואַ. דער יונגער מאַן האָט אַזוי גיטוען און איז גיקומין און גרויסע צרות קיין מאָסקוואַ האָט ער זיך ערקונדיגט וויא עס וואהנט דאָרטין ר' דוד שדכן איז ער גיגאַנגין צו אים און האָט מיט אים גירעט און האָט אים צוא גיזאָגט זייער פיל געלד אַז ער זאָל אים אויס פירין דעם שידוך האָט זיך דער שדכן אויס גילאַכט פון אים און האָט אום גיזאָגט צוא דוא בּיסט משוגע וועט זיא דין וועללין מיט דיר זיך משדך זיין מען רעט איר דוא גרעסטו לייט און דאָס גיפעלט איר ניט וואָרום זיא איז זייער רייך און איין מיוחסת און איין משלמת וויא אַזוי קען איך איר זאָגין

פון דעם שידוך מען וועט דאָך פון מיר אויס לאַכין און זיא וועט מיך הייבּין אַרויס טרייבּין פון איהר שטוב נאָר זאָג מיר נאָר וויא פאַלסטו דאָס אויס צו פאָרין אַהער צו האָט דיך עפּיס גיהלומת פיליכט וועסטו וועלין איין שידוך אויף דעם הימול. גייא נעם דיר אַוועק פון דיין גלייכין נישט צו וועלין אַזוי גרויס. דער יונגער מאַן האָט אַלץ אויס גיהערט מיט גידולט נעמט ער אַ־רויס פון דער קעשינ' צווייא רענדליך און זאָגט צום שדכן איך גיב אייך די צווייא רענדליך נאָר פאַר אייער טירחא אַז איר זאָלט גיין צוא דעם ווייבּיל צוא דוא גבירה און איר אַזוי צו זאָגין. נעכטין איז אַהער גיקומין איין יונגער מאַן איך ווייס ניט ווער ער איז נאָר ער האָט מיר גיגעבּין צווייא רענדליך פאַר מיין טירחא אַז איך זאָל צוא אייך גיין אַז איר זאָלט אים נעמין פאַר איין מאַן. איר זאָלט נאָר אַזוי זאָגין און איר זאָלט מיר ברענגין איין תשובה. איז דער שדכן טאַקי גיגאַנגין צו דוא גבירה אום מוצאי שבת און האָט זיא פריער איבּער גיבּעטין אויף דעם שידוך וואָס ער וועט איר זאָגין און האָט איר גיוויזין דוא צווייא רענדליך וואָס דער מענטש האָט אום גיגעבּין אַז ער זאָל רעדין דעם שידוך מיט אים.

האָט

סיפורי אנשי שם

אַז דוא קאַסי איז לײדיג ער זאָל אום געבּין איין עצה וויא דוא קאַסי פול צוא מאַכין. רבי האָט דעם שליח אריין גינומין און אַגרויסין גאָרטין. וואָס איז גיוועזן אַגרויסע פּלאַנצונג און ער האָט אויף זייער אָרט קליינע פּלאַנצונג אריינגעזעצט און האָט דעם שליח גיהייסין צוריק פאָרין וויא דער שליח איז גקומין צום קייזער האָט ער אום גיפרעגט. וואָס דער נשיא האָט גיזאָגט האָט דער שליח גיענטפערט ער האָט נאָר ניט גיזאָגט נאָר האָט אַזוי און אַזוי גיטוען האָט דער קייזער פאַר שטאַנין זיין מיינונג אַז ער גיט איהם איין עצה אַז ער זאָלל אָפּ שאַפין דוא מיניסטאָרין פון דוא גרויסי פאַמיליען וואָס נעמין גרויסי גיהאַלטין און זאָלל זעצין קלענערי מענשען אויף זייער שטעללע. איין מאָהל האָט דער קייזער גיפרעגט בייא אום איין עצה איך וויל פוילין צווייא זאַבּען פון סענאַט אַוועג

שבחי בעל שם טוב

האט די גבירה גיענטפערט דעם שרבן גייא צוא הויז אונ קום דינסטאג ווידער אונ דוא זאלסט מיר ברענגין גישרובין זיין נאמין אונ זיין פאטערס נאמין. איז איר תשובה דעם שרבן אגרויס וואונדער גיוועזן אונ איז גיקומין צום דעם מענטש אונ האט אום דער ציילט דוא תשובה האט ער גיגעבין דעם שרבן גישרובין זיין נאמין מיט זיין פאטערס נאמין אונ אום דונסטאג פרי איז דער שרבן גיגאנגין צוא דוא גבירה מיט דעם קוויטל מיט דוא נעסין אונ דער האנד איז די גבירה ארין גיגאנגין אונ דער אנדירי שטוב אונ האט גיקוקט אונ דעם שפוגול פון רבי ר' ליב שרה'ס ז"ל האט זיא תיכף דער זעהן זיין צורה איז זיא ארין גיקומין צום שרבן אונ האט אים גיענטפערט איך זעה אז דער שידוך איז פון גאט ב"ה ווארום וויא פאלד דען איין אפרעמדין מענטש אהער צוא קומין אונ צו וועלין זיך משדך זיין ניט מיר נאר מן הסתם איז דאס אגאטס זאך נאר כדי ניט צוא מאכין מענטשין רידין אויף מיר אז איך האב גינומין אזוי איין ארום מאן דרום זאלסטו אזויא טאן גייא צוא אים אונ הייס אים לפנים דונגין דוא זעכס גיוועלבער דוא נייע גימארטי וואס זייא זענין נעבין מיין גיוועלב אונ איך וועל הייסין קומין דעם גרויסין טראנספארט סחורה וואס איך ברויך צוא באקומין פון לייפציג אוין זיין נאמין אונ ער וועט דוא גאנצי סחורה ארין לייגין אונ דוא האנדלונג וועט דאך דוא גאנצי שטאט זאגין אז ער איז אויך אגביר ווארום דוא סחורות באטרעפין אגרויס פאר מעגין דאמאלס וועל איך מיט אום החונה האבין נאר למען השם דו זאלסט דאס האלטין בסוד גדול איז דער שרבן גילאפין מיט גרויס פרייד צו דעם מענטש ענטפערין אום דוא תשובה אז זיא איז מרוצה אוף דעם שידוך אונ האט אום גיזאגט וואס זיא האט אויך גיהייסין מאהן איז דער מענטש תיכף גיגאנגין אונ האט גידונגין דיא גיוועלבין זענין גיקומין דיא משרתים פון דיא גבירה אונ האבין איר דער ציילט אז אפרעמדער סוחר האט גידונגין דיא גיוועלבין אונ דיא משרתים האבין אים גיוואלט שלעכטס טוען האט זיא צוא זייא גיזאגט גייט שוין וואס וועט דער ארימאן ארייין לייגין אונ זייא אונ אויב ער איז איין עושר פיליכט וועט ער גאר האבין אנדערי סחורות וואס זייא וועלין מיר קיין שאדין ניט טוען אונ עטליכע טעג ארום איז דיא סחורה גיקומין אויף זיין נאמין וויא מיר האבין פריער גישרובין האבין דיא משרתים פון דיא גבירה גיזעהן זייניע סחורות האבין זייא זיך זייער גיוווינדערט זענין זייא גילאפין אונ

סיפורי אנשי שם

איינם מיין זוהן אסוירו'ס זאל קיינער ווערין נאך מיין טויט. צווישינס אז דוא שטאט טבריה זאל זיין אפריי שטאט אבער איין זאך וועלין זייא מיר נאר צוא ליב טוען. פריי זאבין ניט. האט רבי גינומין צוויא מענטשין אונ האט אהנים ארויף גיזעצט ריטענדיג אויף דעם אנדירין אונ אין דער האנד פון דעם אייבערשטין מענטש האט ער גיגעבין אטאהב אונ האט גיזאגט צוא דעם אונטערשטין אז ער זאל היטין דעם אייבערשטין ער זאל דו טויב אוועק לאזין האט דער קייזער פאר שטאנין זיין מיינונג ער היסט אום ער זאל פולין בייא דעם סענאט נאר איין זאך דאס זיין זוהן אסוירוס זאל ווערין קעניג. דער נאך וועט ער היטין ער זאל מאכין טבריה פאר אפריי שטאט:

און האָבּין דאָס דער צײלט דיא גבירה זאָגט דיא גבירה צו זײא איך וועל אַלײן גײן און וועל באַקוקין זײן האַנדיל האָט זיא אַלס באַקוקט זאָגט דיא גבירה צוא איר פעטער וואָס ער איז גיוועזן איר גרעסבער גוטער פרײַנד מײַן ליבּער פעטער לעבּין אַזוי וויא איך האָב גיהערט אַז דער סוחר האָט קײן ווײַב ניט און אַזוי וויא איך האָב גיזעהן זײַן עשירות וואָרום דיא סחורות באַטרעפין ג זיס פאַר מיגין פילײַכט וואָלט גיווען דאָס אַגוטער שידוך פאַר מיר איז דאָס איר פעטער זײער גיפעלין האָבּין זײא בעז״ה תנאים גישריבּין און דיא החתונה איז אויך גיוועזן און אַקורצע צײַט צוא מזל און זענין גיוועזן גבירים און זײער גאַנץ לעבּין און האָבּין גיהאַט קונדער און קונד׳ס קונדער:

אַיין ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון הָרַב ר׳ וועלוויל זְבָאַרְזֶער ז״ל:

אַזוי דער צײַמי וויא הרב הקדוש מו״ה וואָלף זבאָרזער איז גיפאָרין פון לובלין דורך לעמבערג זענין איהם גרויסע לײַט אַקעגין גיפאָרין צווישין זײא איז גיוועזן אַגרויסער עושר וואָס ער איז גיקומין מקבל פנים זײַן דעם צדיק אַזוי קערט זיך דער צדיק צו אים און זאָגט איך האָב מיט דיר צו שמועסין ווינבטיגס דער עושר ענטפערט איך וועל הערין דער צדיק זאָגט. אים איך וועל דיר דער צײלין אַמעשה עס איז גיוועזן צוויא· ברודער אין שטאָט אײנער איז גיוועזן אַגביר און אײנער איז גיוועזן אײן אביון און דער עושר האָט אים גישטוצט וואָס ער האָט גידאַרפט אויף פרנסה דער עושר האָט זיך אַמאָל מיישב גיוועזן וואָס זאָל איך מײַן ברודער געבּין קצבה איך וועל אים בעסער אוים לײַען אַגרויסע סוממע געלד ער זאָל זיך קענין מאַכין אַמשא ומתן און פון דעם וועט ער פרנסה האָבּין בקיצור דער עושר דער נדיב. האָט דעם ברודער דעם אביון גילוגין טויזנט דוקאַטין און דער אָרימאַן האָט זיך גימאַכט אַמשא ומתן און ער האָט אָנגיהויבין צו באַגלוקין און איז גיגאַנגין מעלה און זײַן ברודער דער גביר איז גיגאַנגין מטה מטה ער איז גיוואָרין אײן גרויסער אָרימאַן דער דאָזיגער האָט זיך מיישב גיוועזן איך האָב מײַן ברודער גילוגין טויזנט דוקאַטין איך וועל זײא יעצט בײַא אים אָפּ נעמין דער ברודער גײט צו דעם אויף גיקומינים עושר און ער מאָנט. אים דיא טויזנט דוקאַטין און דער צײלט אים

סיפורי אנשי שם

אײנמאָל האָט רבי מיט זײַן תלמיד ר׳ חייא דורך גירײזט דורך אַשטאָט האָט רבי גיפרעגט אפשר איז דאָ און דער שטאָט אַ תלמיד חכם וועל איך אום גײן מקבל פנים זײַן. האָבּין די שטאָט לײַט צווא אום גיזאָגט עס איז אין שטאָט דאָ אײן תלמיד חכם נאָר ער איז אַבלונדער. האָט ר׳ חייא צווא אום גיזאָגט איך וועל גײן באַזוכין און דוא בלײַב אין דער סטאַנציע, ווײַל דו ביסט דאָך אַנשיא דאַרפסטו צו היטין דײַן כבוד אָבער רבי האָט אום ניט גיפאָלגט

אים אז ער איז אגרויסער אביון ער
האט קיין שום מראה מקום נאר דיא
טויזונט דוקאטין וואס עס קומט אים
ביא אים דער ברודער אבער איז געוועזן
איין אכזר ער האט אים אבער גאר ניט
געוואלט הערין אונ ער האט אים געלאזט
לויפין טאג פאר טאג אונ ער האט אים
קיין שטוצע ניט געגעבין ביז ער איז
געשטארבין פאר צרות פאר עניות אונ
דחקות הש"י האט דאס צו געזעהן האט
ער ניט געקאנט שווייגין אונ מען האט
באלד גירופין זיין ברודער צום בית דין
של מעלה אונ מען האט אים געמאכט
אביטערין פסק דער ברודער דער נדיב
אבער איז געקומין פאר דעם ב"ד של
מעלה אונ האט געבעטין פאר זיין ברודער
מען זאל אים מוחל זיין דעם ביטערין
עונש ווארום ער איז אום מוחל דיא
טויזונט דוקאטין אונ וויל ניט אז ער
זאל געשטראפט ווערין דורך אים דאס
ב"ד של מעלה אבער האבין ניט געוואלט
מוחל זיין בשום אופן אונ האבין געמאכט
אפסק אדער דער ברודער דער אכזר
זאל אפ נעמין דעם גאנצין עונש וויא
מען האט אום גיפאסקת אדער דוא ביידע
ברודער זאלין נאך אמאל מגולגל ווערין
צוריק אויף דעם עולם כדי דער אכזר
זאל פאר ריכטין דעם גרויסין ענד נאר
וויל דער גוטער ברודער וויל מוחל זיין
קעגין אום דאדורך זאל ער זיין אויף דעם
עולם אונ נייעם גילגול איין ארומאן אונ
זיין ברודער דער אכזר זאל זיין אגביר
אונ זאל זיך אפ נעמין איינציג וויא דוא
טויזונט דוקאטין דער גוטער איז באשטאנין
אויף דעם פסק ער זאל מגולגל ווערין
איין אביון אבי זיין ברודער זאל איין
תיקון האבין:

בקיצור זייא זענין נאך אמאל געבארין
געווארין דער אכזר איז געוועזן
איין עושר גדול אונ דער איז געוועזן
איין אביון גדול אז ער האט ניט געהאט
קיין פת לחם אונ ער איז אום געגאנגין
אונ דיא הייזער ביז ער איז געקומין צו
דעם עושר וואס ער איז אונ יענים
גילגול געוועזן זיין ברודער זייא ביידע
האבין ניט געוויסט אונ דער ארימאן
האט געבעטין דעם עושר ער זאל רחמנות
האבין אויף אים ער גייט אוים פאר
הונגער אונ האט זיך ניט מיט וואס צו
דער האלטין דער עושר אבער איז
געוועזן איין אכזר אונ האט אים געלאזט
ארוים ווארפין אונ דער ארימאן איז
גוט קראנק געווארין אונ איז באלד
געשטארבין:

דער הייליגער צדיק וויא ער האט
דער ציילט דיא מעשה זאגט
ער

סיפורי אנשי שם

גיפאלגט אונ זייא ביידע זענין געגאנגין
באזוכין דעם בלונדין. וויא זייא זענין
ארוים געגאנגין האט דער בלונדער זייא
געבענשט מיט דוא ווערטער איר האט
מקבל פנים געוועזן אזעלכין וואס זעהט
ניט נאר ער ווערט געזעהן דער פאר
וועט איר מקבל פנים זיין אזעלכין וואס
זעהט אונ ווערט ניט געזעהן וויא זייא
זענין ארוים געגאנגין האט רבי צוא ר'
חייא געזאגט דוא האסט מיך געוואלט
אפ האלטין פון צוא גיין מקבל פנים זיין
דעם תלמיד [illegible] וואלט איך דאך אזא
טייערי ברכה ניט געוועזן געהאט:

~~~~~~

בעשרייבונג פון ר' מאיר אונ זיין ווייב ברורה:

רבי מאיר איז געוועזן איינער פון דוא
גרעסטע תנאים אונ זייער צייט.
ער אליין איז ארוים געקומין פון גרים
~~~~~~

ער צו דעם עושר דיא ביסט דער רוצח דיא ביסט דער אכזר. ערשט נעכטין האבטו ארויס גיווארפין איין ארומאן וואס ער איז באלד גישטארבין דאס איז דיין ברודער גיוועזן אונ יתומים גי' ג"ל וואס ער האט זיך אויף דיר דער בארימט אונ ער איז גיקומין נאך אמאל אויף דעם עולם פון וועגין דוא זאלסט האבין א תיקון אונ דוא ביסט גיוועזן אזא אכזר פון אנהייב ביז צום סוף. נאכדעם איז דער עושר מבויש גיווארין אונ ער האט גיקלאגט אונ גיוויינט אונ דער צדיק האט אים ניט גיוואלט אן קוקין אונ זיין טרפה פנים אונ איז אוועק גיגאנגין פון אים. השי"ת זאל אונז העלפין מיר זאלין האבין רחמנות איינער אויף דעם אנדערין אונ מיר זאלין גיהאלפין ווערין בקרב אמן:

הרב הקדוש מו"ה וואלף זבארזער ז"ל איז גיוועזן קדשי קדשים צדיקי הדור האבין אויף אים גיזאגט אז ער איז קעגין תורת כהנים דאס הייסט קעגין ספר ויקרא וואס שמועסט פון קרבנות אונ עבודת ביהמ"ק ער איז גיוועזן איין אוהב ישראל ער האט ניט גיזעהן קיין שום שלעכטס ביי קיין שום יוד אונ פלעגט יעדן מענטש צו רופין צדיק אפילו דעם גרעבסטין האט ער גירופין צדיק עס איז אמאל גיקומין צו אים זיינס א חסיד וואס ער פלעגט אים מקרב זיין אונ ער האט זיך גיקלאגט אויף איינים אז ער טוהט אים זייער פיהל שלעכטס אזוי האט ער גיבעטין דעם הייליגין צדיק אז דער זאל האבין א מפלה כדי ער זאל גיהאלפין ווערין דער צדיק ענטפערט אים בתמימות וואס מיינסטו מיט דעם דאזיגין יוד ווייל ער איז ניט פון מיינע חסידים האב איך אים ניט ליב איך האב אלע יודין גלייך ליב. ביי מיר איז אהבת ישראל גלייך צו אלע יודישע קונדער נוא באר וואס זאל איך חלילה דעם דאזיגין יוד שעלטין:

אמאל איז ער גיפארין מיט איין בעל עגלה אויף א בריתמילה אים ווינטער אונ דיא קעלט איז זייער גרויס גיוועזן, אונ וויא : ר צדיק איז אריין גיגאנגין צום ברית מילה אונ האט זיך פאר זוימט האט ער זיך דער מאנט אז דער בעל עגלה שטייט אויף דער קעלט אונ ווערט גיפרורין אזוי איז ער ארויס גיגאנגין צום בעל עגלה אונ זאגט צו אים מיין קונד גייא אונ עס. אריין אונ ווארום דיך אהן ווייל עס איז זייער קאלט. דער בעל עגלה ענטפערט אים איך קען ניט דיא פערד מיט דעם

סיפורי אנשי שם

פון נירון קייזער וואס האט זיך מגייר גיוועזין בשעת ער האט באלעגערט ירושלים. ער איז גיוועזין א תלמיד פון רבי עקיבא נאר בשעת עס איז ארויס גיקומין דער באפעל אז דוא יודין טארין ניט לערנין תורה אונ ניט מקיים זיין דוא מצות איז רבי מאיר אנטלאפין קיין בבל דער נאך אז דער באפעל איז בטל גיווארין איז ער צוריק גיקומין קיין ארץ ישראל אונ ער איז גיוועזין אהן גישטעלט אונ סנהדרין אונטער דעם נאמין חכם. זיין ווייב ברורה איז אויך גיוועזין גילערנט אונ דער תורה. איינמאל האט רבי מאיר גיהאט גרויסי צרות פון דוא שכנים זייא זענין גיוועזין גרויסי רשעים האט רבי מאיר מתפלל גיוועזן זייא זאלין שטארבין. האט זיין ווייב צוא אום גיזאגט אונ תהלים שטייט יתמו חטאים מן הארץ איז טייטש דו זוגדון זאל אויף הערין אבער עס שטייט ניט יתמו חוטאים דוא

דעם וואָגין אַלײַן לאָזין מען זאָל זײַא גישט אַוועק גנבנין דער צדיק ענטפערט אים גײַא אַרײַן אַבּיסיל אונ וואַרים דיך אָהן אונ איך וועל דאָ שטײַן אַבּיסיל אַכטונג געבּין אויף דיא פערד דער פּאָרמאַן זאָגט חלילה וויא קען איך דעם רבי לאָזין שטײַן בײַא דיא פערד דער צדיק אָבער האָט אים זײַער גיבעטין אונ ער האָט גישוקט דעם פּאָרמאַן אונ שטופּ אַרײַן זיך אָן וואַרימין דער פּאָרמאַן איז אַרײַנגיגאַנגין האָט ער גאָר פּאַר געסין אַז ער האָט גילאָזט שטײַן דעם צדיק איף דער קעלט אונ האָט זיך גיזוימט אונ שטופּ דער עולם האָט אָנגיהויבּין צו קלערין וואָס זוימט זיך דער רבי אַזוי לאַנג זײַא זענין גיגאַנגין אויף דער גאַס אַרוים זעהן זײַא דעם צדיק שטײַן בײַא דיא פערד אויף דיא קעלט אונ ער ציטערט פאַר קעלט זײַא פרעגין אים רבי וואָס שטײַט איר דאָ ער ענטפערט זײַא בתמימות איך בין אַרוים גיגאַנגין איך זאָל דעם פּאָרמאַן אַרײַן שוקין אונ שטופּ ער זאָל זיך אַבּיסיל אָן וואַרימין אונ איך בין גיבליבּין בײַא דיא פערד איך זאָל אַכטונג געבּין מען זאָל זײַא ניט אַוועק גנבנין אונ דער פּאָרמאַן איז נאָך ניט אַרוים גיקומין. פון דער קלײנע מעשה קען מען לערנין וויא ווײַט עס דאַרף צו זײַן דאָס רחמנות פון אײנים אויף דעם אַנדערין. ובזכות זה וועלין מיר גיהאָלפין ווערין אָמן:

סיפורי אנשי שם

זונדיגי זאָלין אויף הערין. דרום דאַרף אַמענטש נאָר מתפלל זײַן אַז דוא זינדין זאָלין אויף הערין וועלין דוא רשעים ממילא ניט זײַן:

רבי מאיר האָט גיהאַט צוויא שײנע יונגליך אונ האָבין גוט גילערנט אײנמאָל האָט רבי מאיר גיהאַלטין אונ שול שבת אַדרשה אונ דער הײם האָט זיך גיטראָפין אײן שרעקליכער אומגליק דאָס בײדע קונדער זענין גישטאָרבין. ברורה האָט זײַא גילאָזט אונ זײער שלאָף צימער אונ זיא האָט זײַא באַדעקט מיט אײן טוך רבי מאיר איז גיקומין פון דעם בית המדרש האָט ער תיכף גיפרעגט וויא זײנע קונדער זענין. האָט ברורה גיזאָגט זײַא זענין גיגאַנגין צום בעזוך בײַא אַגוטין פרײַנד. רבי מאיר האָט זײנע קונדער זײער ליב גיהאַט אונ האָט קײן גידולד ניט גיהאַט צוא וואַרטין אָבער ברורה האָט גיוואוסט מיט איר חכמה אים צו באַרוהיגין ביז נאַכט. אַז רבי מאיר האָט גימאַכט הבדלה האָט ברורה צוא אים גיזאָגט ליבער מאַן איך האָב דיך אײן עצה צוא פרעגין אײנער האָט בײַא מיר באַהאַלטין אַטײַערי זאַך הײנט איז ער גיקומין אונ האָט גיבעטין די זאַך צוריק. יעצט פרעג איך דיך אויב איך זאָל אום דוא זאַך אָפּ געבּין. וואָס פרעגסט דוא אַזויא אײן נאַרושקײט האָט רבי מאיר גיזאָגט מיט פערוואונדערונג צוא זײַן ווײַב געווים מוזט דוא אום דוא זאַך צוריק, געבּין אונ דוא דאַרפסט אויף אום אויך קײן פאַר איבּול ניט האָבּין אַז ער נעמט דוא זאַך צוריק. האָט ברורה דעם מאַן אַ־ײַנגיפירט אונ דעם צימער וויא דוא טוטי קונדער זענין גילעגין זיא האָט אויף גידעקט דאָס טוך אונ האָט צוא אים גיזאָגט גזײט האָט. אונז דוא צווײַא קונדער צום פקדון גיגעבּין הײַנט האָט ער זײַן פקדון בײַא אונז צוריק גיפאָדערט מוזין מיר אום דאָך צוריק אוועק געבּין: